STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03581

DI MIZREH ZAYT

Sarah Mysels

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די מזרח זייט

(THE HORIZON)

אלגעמיינע דיכטונגען אין אידיש

פון

שרה מייזעלס

REPRISE PUBLISHING CO.
New York, N. Y.
1955

Copyright 1955
by the author
SARAH MYSELS

Printed by Berger Printing Co.
Pittsburgh, Pa., U. S. A.

SARAH MYSELS

פאָרוואָרט

אין דעם בוך וועט איר געפינען א לעבענס־לאנגליכע ארבייט פון אידישע פּאָעזיע. דער אינהאלט איז פון ארבע פינות העולם, פון אלע פיר עקען פון דער וועלט און וועט געבען דעם אידישען לייענער א סך פארגעניגען.

מרס. שרה מייזעלס איז איינע פון די אידיש שרייבענדע דיכטערין אין גאנץ יונייטעד סטייטס.

The songs and poems contained herein represent a lifetime of work in Yiddish meter. The themes are universal and will appeal to anyone who knows "Mame Loshun." Moreover, they constitute a rare collection, for they are by one of the few Yiddish-writing poetesses in the entire United States.

אינהאלט

אין דיין טאַטענס שיך — 17
א הוסט — 18
מיין שפּיגעלע — 19
מיין נשמה — 20
גרויסע אינטערעסען — 22
דער אידישער גלות — 24
צום נייעם קאמף — 25
קאַפּויר — 28
מיין אנדענקונג — 29
אין מלחמה — 30
דער טאָג — 31
צוריק צו מיין חלום — 32
שיקזאל — 33
אויף מיין באַק — 34
פאַרכשופטער הימעל — 37
די בלום — 40
דיין האנט — 42
פיר גלענצענדע פערד — 44
ל״ן — 45
א פיש, א ראק און אַ גאנדז — 47
דערציילן — 48
טרערען — 49
דער ווינט — 51
אין דיין שויס — 53

פון וואָלקען צום טאָג — 54
אומשולדיג — 56
די קאַלטע וואָר — 58
דערגרייכען — 60
האַלט די אויגען אָפּען — 61
דער גן עדן — 62
דניאל פון זיבען ימים — 63
מאַמע מיינע טייערע — 65
דאָס יום טוב טאָג — 66
מיר האָבען געאַקערט — 67
דער סוף — 68
דער קאַליקער — 71
ווער זענט איר אַזוינס — 74
אנטקעגען דעם שטורם — 75
מיין באָבע — 76
עלענד — 77
ענטפער — 78
שפּאַן איין די גענז — 79
די בוים און דער באַרג — 80
מיין שטילע ליד — 81
דער אומטרייער וועכטער — 82
דעם נעכטיגען טאָג — 83
הונגער — 84
דערהרג׳עט צוויי ברידער — 85
צוריק צו דער ערד — 87
שמאַכען — 89

רוזוועלט — — — — — — — — — — 90
דער ספר — — — — — — — — — — 93
דער העלד פאַר מלחמה — — — — — 96
זיבעץ הימלען — — — — — — — — — — — 98
די געטאָ גאַס — — — — — — — — — — 99
דער היינטיגער בית המקדש — — — — — 103
דער שפּין מיט דער פליגעלע — — — — 106
צי דען — — — — — — — — — — 107
ביי די שטיגען אין די גריבער — — — — — 108
איך ווער ניט דערטרונקען — — — — — — — 111
מיין שאָטען — — — — — — — — — — 112
די נאַרישקייט גילט — — — — — — — 113
א טורם — — — — — — — — — — 114
דאָס ערגסטע איז די בעסטע — — — — — 115
א בנין פאַר דריי — — — — — — — — — 116
די גאָלדענע האַרץ — — — — — — — — — 117
אָרים — — — — — — — — — — 118
די שווארצע בינען — — — — — — — — — 119
מיין דאַך — — — — — — — — — — — 121
ווער עס בויט און ווער עס וויינט — — — 122
אויף יענער זייט — — — — — — — — — — 123
דאָס געבעט — — — — — — — — — — — 124
דער שמש — — — — — — — — — — — 126
עס וויים, זי ניט — — — — — — — — — — 128
פראָסט איין אקראָבאַט — — — — — — — — 129
דער בעל שם — — — — — — — — — — — 131

שטראָף מיך ניט — — — — — — — — — 133
די זעלבע מאָס — — — — — — — — — 134
ווער — — — — — — — — — — 136
אַ פרעמדע — — — — — — — — — 137
מלאכה איז מלוכה — — — — — — — — — 138
געה און געה — — — — — — — — — — 139
אהיים — — — — — — — — — — 141
געזונגען — — — — — — — — — 143
דער שטיין אין וועג — — — — — — — — — 144
פאַרביי — — — — — — — — — 147
די צובראָכענע רעדער — — — — — — — 148
די זעקסטע מגילה — — — — — — — — — 151
קום משיח קום — — — — — — — — — — 152
געלאָזען פאַרען — — — — — — — — — 153
דער קרומער זייגער — — — — — — — — — 155
צוהילף קומט דער מענטש — — — — — — — 156
די בערגעלאך — — — — — — — — — — 157
מעגליך — — — — — — — — — — 158
די סודות — — — — — — — — — — 159
דער שטיוועל — — — — — — — — — — 160
די היד — — — — — — — — — — 161
פראוודא כאראשאָ — — — — — — — — — 163
דאָס וואַלד אין דער וועלט — — — — — — — 164
מיין שותף — — — — — — — — — — 165
א מענטש אָדער א שפין — — — — — — — — 166
איך קום — — — — — — — — — — 167

דער לעצטער מאַרטירער — 168
מיט מיינע שוועסטער — 169
די גאולה — 170
וואָס די לייט זיינען מקנא — 172
האָפענונג — 174
די בהמה איז נאָך ביי מיר — 175
טרערן — 176
מיין פעטער — 177
מיין בוך — 178
זאָרגען — 179
אייביגער שוים — 180
וואָס איז גליק — 181
שטערן — 182
אַוועק ווי א טייפעל — 183
א סימן — 184
די וואַרע ליבע — 185
ביי דיר אין די הענט — 186
נאָר מענטשען — 187
אויפן זעלבען אָרט — 188
דאָס דערפעל — 189
צי האָב איך געלעבט אויך אמאָל — 190
לאָז דער וועלדעל ברענען — 191
צושיידט — 192
וואַרטען — 194
אַלע טאָג — 196
פון דור צו דור — 197

דער חילוק פון א מענטש ביז אַ חיה — — 198
א הונט קען ניט זיין קיין קצב — — — — — — 199
דער בעל חוב — — — — — — — — — — — — 200
צו בייטען זיך די שיך — — — — — — — — — — — 201
מיין אמונה — — — — — — — — — — — — — 202
אלץ הייסט געמאָלען — — — — — — — — — — — 203
די אַלטע שוויגער — — — — — — — — — — 204
מאָרגען — — — — — — — — — — 205
מיין שטרעבען — — — — — — — — — — — — 206
מצרים — — — — — — — — — — 207
דער בריפען טרעגער — — — — — — — — — — — 208
די מויז אין מייזעשע קנעפּ — — — — — — — — — 209
אוים מלחמה — — — — — — — — — — — — — 211
די וועלט איז איבערגעדרייט — — — — — — — 213
א באַלדיגער טרייסט — — — — — — — — — 214
אַ צירק מיט פּאקירען — — — — — — — — — — — 215
וואו ביסטו יהודה — — — — — — — — — — — — 216
דניאל — — — — — — — — — — — 220
שבת — — — — — — — — — — — 221
זשאַבאָטינסקים טרויער אָווענט — — — — 223
זוכען — — — — — — — — — — 225
די פּאסטוכער — — — — — — — — — — — — — 227
אין אייביגען רו — — — — — — — — — — — — 229
באָיקאָט — — — — — — — — — — — 230
היינט — — — — — — — — — 233
ליבע אָן גאָטעס ברכה — — — — — — — — — — 236

די פערבאַרגענע שפּראַך — — — — — — — 238
דער ווינט — — — — — — — — — 239
אָן שרעק — — — — — — — — — — 240
קליינע מענטשעלאַך — — — — — — — — 241
עס לעבט אונדזער משה — — — — — — — — 243
די ציגיינער — — — — — — — — — — 244
געפלאָגט — — — — — — — — — — — 245
צווישן שטיינער — — — — — — — — — 246
די פערבאַרגענע האַנט — — — — — — — — 247
פּערטראַגען — — — — — — — — — 249
בילכער — — — — — — — — — 251
יעדער דור — — — — — — — — — — 254
די זעקסטע מגילה — — — — — — — — — 256
נאָך דער חתונה — — — — — — — — — 257
די יוגענט — — — — — — — — — — 258
די זיסע לבנה — — — — — — — — — — 259
זייער פאַלשער משיח — — — — — — — — 260
ברידער מיינע קינדער מיינע — — — — — — 262
קענסט עס טאָן — — — — — — — — — — 263
די קאָרטען — — — — — — — — — — 264
וואוהין זאָל איך גיין — — — — — — — — 265
דער אייגענער משכון — — — — — — — — 267
דער שווארצער קאָטער — — — — — — — — 268
אז מען האָט ניט קיין שכל — — — — — — — 269
ניט שפּיי אין וואַסער — — — — — — — — 270
דער קצב — — — — — — — — — — 271

פון דעם טאָג — 274
טרערן — 275
א בארג מיט א בארג — 277
די טויבען יאָרען — 278
צום גוטען — 279
א בוים — 281
ווען איך האָב — 282
לחיים — 283
בראָנפען אין די הויפען — 284
מיין עלענדקייט — 285
א קעניג בעסער זאָגען — 286
די וועלט איז א וויג — 287
די פאַרגעסענע טאָכטער — 288
דער רויטער בין — 290
מיין פריינט — 293
געטריינק — 295
בעסער שווייגען — 296
מיין שארף מאשין — 297
די געהיימע קראפט — 298
יעדערס חסרון — 300
די טיר איז אָפען — 301

אין דיין טאטענס שיך

קליינליך קליינער מענטשעלע
ווי קליין איז דיין געפיל
עס דרייט זיך דיר דיין קעפּעלע
ווי אין אַ וואַסער מיל.

עס דרייען זיך די רעדעלאך
מיין יוגענטליכע קינד
עס טראָגען דיך די פערדעלאך
דו יאָגסט זיך פעסט נאָך זינד.

לויפסט נאָך די פויגעלאך
ערפילסטו דיין פערלוסט
די זונשיין אין די אויגעלאך
עס וואַקסט אין דיר דיין ברוסט.

קוים ווערסטו עטוואָס גרעסער נאָר
פון חדר ערשט ארויס
דער ווינטער ברייננגט די עלטער גאָר
און לאַכט זיך פון דיר אויס.

ווייל דיין עלטער איז נאָך פריש
בלינד און טויב פאַר זיך
טאַפּסטו אָן די אַלטע פיס
אין דיין טאַטענס שיך.

א הוסט

שווערער קאמף פון שיקזאל
דו האָסט געוואוסט מיין סוד
פון קינדהייט אָן און אימער
געפירט מיך אַלץ אין באָד.

האָסט ניט פערהיט מיין טרער
פיל איך האָב זיך געפּלאָגט
האָסט ניט געוואָלט פאר ערגער מער
האָסטו מיר ניט געזאָגט

האָסט געבראכט מיר לערעה
צומישט מיט מיד און מאט
האָסט געבראכט מיר עהרע
אין איין באַלון פער מאט

האָסט געבראכט מיר היילונג
בלומען פון דעם פּארק
און פרייד אין קליינעם פּעקעל
איינגעבונדען שטאַרק

פערקניפּט אין טויזענט קניפּען
און יעדער קניפּעל פּוסט
ווען איך בלייב אין מיטען
איז נאָך א הוסט, א הוסט.

מײן שפּיגעלע

אך מײן װאונדער שפּיגעלע, מײן ריכטיגע
און טהײערע
פון מײן קינדער װיגעלע, ביסטו מיר אײן
געטרײערע
אויב איך בין באַלײדיגט, לױף איך באלד צו דיר
ערשט ביסטו מיר נױטיג, טרײסט מיר אָן א שיר
האָסטו פיל געדולד װען איך בלײב אַלײן
דאָס איז ניט דײן שולד, װאָס איך בין ניט שײן.

קוק איך נאָר אין דיר, זעה איך דורך מײן האַרץ
װאו עס איז שװאך די ניר, און פערגאלט
און שװארץ
קוק איך דורך די אויגען
זעהר פיל איך געדײנק
װאו פערװיקעלט און פערבױגען
אײן בעהאלטענער פערלײנג.

קוק איך דורך מײן גומען
קאַרג איז בלוט פון שרעק
אין ערטערװײס צורונען
דאָרט און דאָ א פלעק.

װי נײגעריג פערקניפּען
װען איך האַלט אין דיר מײן באק.
דורך מײן עכאָ פון די ליפּען
ענטפערסטו מיר אָפּ צום טאק.

מיין נשמה

שטיל נשמה מיינע, גיכער
פון פריציייטיגען קרבן קומסטו אהער
דו ווערסט פערשווינדען אויך ווי אַ וויכער
אין שטילקייט, מיט פליכט און באַגער.

שטיל נשמה מיינע, שטילער
אָן שטורעם אַ האַרץ שפּילט דאָס ליד
דיין דורכפאַל נשמעניז ווידער
דאַרום ווייל איך בין אַ איד.

דיין עוויקייט האָט מיר אַ לעבענס צייט גענדינט
פאַר אַ משכון די יאָרען און טעג וואָס
פערדאָרבען
פאַר דיר האָט דער הימעל דעם שיקזאַל
באשטימט
אין מיין אומרואיגען קערפּער ערוואָרבען.

איך האָב דיר דאָס הייליגקייט אומשולדיג
פאַרשעמט
אין דיר זיך בעקלאָגט מיט פיל זאָרגען
איך האָב דיך פון אומגליק באטויבט און
פאַרבלענט
און בלינדערהייט מיט מיר זיך געטראָגען.

היינט זעסטו דורך פעלזען גריבער און וואַפּען
פון מלאך און טייפעל וואָס קעמפּען
און זעסטו ווי עס פאַלען די ברידער און שקלאַפּען
דו ווילסט, און דו קענסט זיי ניט העלפּען.

יעצט ציילסטו דורך שימער און הימעל
די שטערן
וועלכע שפּילט, וועלכע טאַנצט
און וועלכע צערט
און איינע פאַרפּייניגט באַגלייט דיך מיט טרערען
פאַרצווייפעלט, וואָס דיר איז באַשערט.

ווען דו וועסט נאָך אַמאָל זיך, מיט
שטערענדלאַך שפּילען
אין הימעלשען טראָן דיין געצעלט
געדיינק אַז פאַר פרייהייט זאָל הערשען
דיין ווילען
פריי פאַר דער גאַנצער וועלט.

גרויסע אינטערעסען

גרויסע אינטערעסען
האָבען זיך געענדיגט
וואָס ווערט אויף אייביג ניט פאַרגעסען
די קרבנות שטענדיג.

טייכען גרינער מבול
שטראָמען פון דער הויך
און רייניגט דעם מזבח
פון האַרץ און גאַל און רויך.

שווימט א צויבער שיפעל
אין דעם גאַלון שטראָם
וואָס פירט נשמות וויפיל
אויף דעם וועג צו ראָם.

אין דעם ראָד פון אמת
אין דער וויגעל מיל
צוגעדעקט מיט שיימעס
פייכטע טריט און שטיל.

פרידען פאַר קרבנות
וויגט זיך ביי דיין שוועל
מוטער הערץ מתנות
אין איין שאָטען פעל.

אין די הויכע דרכים
שוועבסטו און דו שפּרייזט
וואו דו קריגסט מלאכים
לערנען מיט דיין גייסט.

אין די קורצע יאָרען
פון דאָס וויגעל גליק
ווערסטו ניי געבאָרען
צו דיין פאָלק צוריק.

צוריק צו נעמען ראַכע
פון דעם שונה גרייט
מיט א פאָלק אַ שוואכע
גיין אנטקעגען טויט.

ווען די צייט פערלויפען
אין א שווערען צושטאַנד
וועט מיין פאָלק דערגרייכען
דאָס טרייע פאָטערלאנד.

גרויסע אינטערעסען
האָבען זיך געענדיגט
וואָס וועט אויף אייביג ניט פארגעסען
די קרבנות שטענדיג.

דער אידישער גלות

דער אידישער גלות
איז לאנג מיט א שלעפּ
וואָס קערט אוים מיט די פּאָלעס
די מיסט פון די טרעפּ.

עס גייט אויף רישאָרון
פון הערנער און שימעל
און דערלאנגט מיט איין האַרען
די שפּאלטען פון הימעל.

ווען אַ איד איז אַ מויער
ערשט האָט ער זיין בראָך
פון קאָרט ביז אין טויער
גייט ער איהם נאָך.

גלייך דורכן הויפעל
שפּאנט ער אין קיך
קערט אוים דעם אויווען
און פילט אָן די שיך.

פון קיך צו דער סוכה
וואָס געדעקט איז מיט סכך
און קערט אָפּ די קעזלאך
מיט דער זון פון דעם דאך.

די קעזלאך אינאיינעם
מיט די פייגען און נים
און קערט אוים דעם קוימען
אַרויף מיט די פים.

צום נייעם קאמף

מיין טינט איז די זונשיין
מיין פען איז די ליכט
וואָס לייכט דורכן
אידישען גלות אלץ פליכט.

אין אַלע עק וועלטען
וואו מיין פען האָט פערפוצט
וואָס מיין פאָלק האָט נאָך קיינמאָל
זיך מיט דעם ניט באנוצט.

פון מדבר דער ווינט שטראָם
האָט אין מיין טינט זיך צופלעקט
פון גיהנום דער מיל טהאָם
האָט עס איבערגעדעקט.

דאָך איז מיר געבליבען
א שטראל טווינקעל קאָם
וואָס האָט זיך ערוואָרבען
אין אייביגען פלאם

דורך זומפ און דורך שימער
האָב איך זיך פארקלערט
די מדברשע פעלזען
פון טומעה באַמערקט.

די פעלזען פון הרוגים
אין ערדישען רויט
די לוים אויסגעקנאָטען
מיט קינדערשע בלוט.

פון בליצקריג א טורים
פון וואָלקען א וואנט
דעם מענשענס יסורים
קומט פון אוממענשענס האנט.

עס יאָגט זיך דורך בליצקריג
א שטערען געשווינד
און טראָגט צו א מוטער
איין פיצעלע קינד.

עס בעט זיך דאָס קינד
ביי דער מוטער פערזאָרזאכט
וועלכע האָט שוין פיל מאָל
יענע פעלזען בעטראכט און זאָגט

שענק מיר דעם לעבען
דאָס מוזטו דאָך ווען
דיין אָפּפער מיר געבען
די וועלט ווי צו זעהן.

מיר מוזען זיך מערען
פאַר די וואָס פאַרלוירען
פון פרייהייט צו קלערען
זאָלסט מיך געבאָרען.

ווייל פון די מאסען די ברואים
וועלען ווידער זיך קליגען
פאַר איין קאמף א נייעם
אנטקעגען די אידען.

וואו זיי גרייטען א תפיסה
וואָס טאָר ניט געשעהן
וועלכע מיינען דיך מיין זיסע
און זוכען מיין פען.

קאַפּויר

איך האָב קיין געדולד ניט
דעם קרייזים ביישטיין
וואוהין זיך צו קערען
אויף וועלכער וועג גיין.

די וועגען זיינען פינסטער
א פעכיגער קוואַל
עס דרינגען די אנגסטען
ארויף צו דער גאַל.

די כוואַליעס פון פיבער
אריבערען קאָפּ
וואָס דעקען מיך איבער
און דעקען מיך אָפּ.

היינט לייד איך פון פרעשער
פון בער און פון טכויר
צי גייט עס צו בעסער
צו גייט עס קאַפּויר.

מיין אָנדענקונג

איך האָב געהאט א קישען
איין אָנדיינקונג פון מיין מאמען
א שווערען פוך, ניט קיין זיסען
געפירט דורך ווייטע ימים.

א פוך פון פעדערען מיט זאַמד
עס איז געווען מיר הייליג
פערלאָזען יענע היים און לאנד
געבראכט מיט זיך דעם חלק.

אַ לאַנגע צייט האָב איך געליבט
און אַוועק זיינען די יאָהרען
ביז די זאמד האָט זיך אויסגעזיפּט
איז פון איך גאָרנישט געוואָרען.

דורך ווינט און כמארע, רעגענבויגען
טרערען גרויסע טראָפּען
ווען איך מיינע צרות אונטערלייגען
זאָל העכער זיין צו קאָפּענם.

אין מלחמה

עס שוועבט ארום א וואָלקען
פארנעבעלט די לבנה,
און איך ווארט פאַר ליכט און קוק און האָף
זעה איך נאָר דיין שטערן
מיין קינד וואָס אין מלחמה
און ריידען קען איך צו דיר נאָר אין שלאָף.
זעה איך דיך אין הרימעל, אין ווייטען מהלך
צווישען שטאָל און אייזען איז דיין רוה
ערגעץ ווייט פון הימעל, ענטפערט מיר א מלאך
ווען איך שריי און רוף טאהו, טאהו.

גיי איך מיר אין גאָרטען, און קלייב מיר
    פרישע בלומען,
טייל זיך מיט דעם רויך אין באנאנד
גרויסער גאָט אין הימעל. לאָז מיך ווידער
    טרוימען
באַשיץ מיין קינד פון טויט אין קיינעמס לאנד.

די גאנצע וועלט מלחמה, איז אין פייער
    פערבונדען
וואָס העלפט מיין תפילה בעטען און מיין טרער
מיין לעבען, מיין נחמה, וואו ביסטו
    פערשוואונדען
אויף דיר צו ווארטען קינד מיינס איז מיר שווער.

דער טאָג

דער טאָג אין בעגינען
קומט אָן גאַנץ אַליין
צי ער וועט זיך געפינען
טונקעל צי ריין.

ער ברעכט דורכן שטורם,
דונער געשלעג
בליצקריג טייוואָלים
און רייניגט זיין וועג.

ער שאַרט אָפּ די וואָלקענס
גרעניצט זיין ברעג
פריי פאַר די מענשהייט
לאָזט ער זיך זעהן

מיט ליכטשטראָם פון זונשיין
צוגיסט זיך אָן וואָג
באַזיגט ווערט דאָס חושך
אין נאָמען פון טאָג.

דער טאָג פול מיט פראַכט
צי נעכטען, צי היינט
דערגרייכט ביז אין נאַכט
און שפּרייזט צו מיין פריינד.

צוריק צו מיין חלום

עס טרייבט דער וואָלקען מיך ארום
וואוהין איך זאָל זיך קערען
אוואו איך בין אַזוי אומעטום
גרויסע טראָפּען טרערען.

הימעל פּיילען מיט א קראך
אין די טרענטשעס הוילען
וואַרפען שפּיזען ווי פון דאך
און קענען מיך ניט קוילען.

דער הימעל לייטערט זיך ניט אוים
שווארצע וואָלקען שפּרייען
דער שטורם שפּינט אַ ווייסן פראָסט
פון דיקע לאָקען שנייען.

איין פערשטיקטען הערצברעכער געוויין
פון די טויטע קבברים
נאָר דער ווינט און איך אַליין
נשמות פון חברים.

זעה איך גייסטער פון דער נאַכט
וואָס אין פראָסט זיך שלייפען
גאָט גיבסט מיר כוח, גיב מיר מאכט
פון דאנען צו אנטלויפען.
פון לאנד צו לאנד, וואו פעפער בליט
אנטלויף איך פון טייוואָלים
דו ווינט דו געהסט טאָ נעם מיך מיט
צוריק צו מיין חלום.

שיקזאל

עס טרייבט דער שיקזאל מיך ארום
וואוהין איך זאָל זיך קערעז
טויטע ברידער אומעטום
און אויף מיין אקסעל שווערעז.

טראָג איך איינציגווייס פון מאָרד
צו די טרעטנשעס הוילעז
פאַלעז טויזענט אויף דעם אָרט
און מיך קענעז זיי ניט קוילעז.

דער וואַלד ער ברעכט זיך פון געוויין
פיל חיות ציינער קריצען
שפּאַן איך דורכ׳ן וואַלד אַליין
דורך שונאים פיילען בליצען.

שאָטענס רינגלען אין א ראָד
גייסטער פון גן עדן
שטיל פערטרויען מיר א סוד
קלייב צונויף די שווערדען.

מיר דיינע ברידער זיינען טויט
מיר קענען זיך ניט ווערען
נעם די שווערדען, זיי געגרייט
געבענשט אין דיינע וועגען.

פייער פון דיין שטאַרקע האנט
פאר אונזערע הערצער שוואכע
נעם זיך אָן פאר אונזער לאַנד
נעם פון שונא ראכע.

אויף מיין באק

מיין ליכט איז פערלאָשען
אין קנייטעל פערדרייט
מיט גרוי־שווארצע טרוקענע
פליגלען פערשפרייט.

די יאָרען ענטרינען
פון מיר אַזוי ווייט
איך קען ניט געפינען
קיין פריינט ביי מיין זייט.

איך ליג אויף מיין קישען
פערבלענט און פערטויבט
דאָך טאָ איך ניט וויסען
ווער האָט מיך בארויבט.

דאַן גיב איך אַ ציטער
מיין אוי און מיין וויין
אויב איינעם איז ביטער
איז נאָר מיר אַליין.

עס קנייטשט זיך דער באַלקען
און רעדט צו די ווענט
איך קינצלערשע בראווקייט
ווער האָט עס דערקענט

עס איז איך געגעבען
נאָר ליידען אין צער

אָ זאָל זי נאָך לעבען
די אַלטעטשקער נאר
און זיפצען און כליפען און ריידען צום טאק
עס רינען די טרערע אראָפּ אויף מיין באק.

די בוימער זיי וויגען און שפּילען א שעה
איך קען ניט אנטלויפען, און ניט בלייבען דאָ
עס טאַנצען די בוימער, עס ברעכט זיך דער וואלד
די שדים חיות אין מענשען געשטאלט.

עס שפּרינגען די הירשען
עס ברומט אוך דער בער
זיי זוכען די קינדער
און לאָזען א טרער.

זיי היטען די קינדער
פון נאַכטיגען טרוים
פון ווינט און פון שטורם
און פון פאַלען א בוים.

דער יעגער ער שפּאנט איין
אין וועג צו זיין יאכט
און בינדט איין דעם טייגער
אין מיטען דער נאכט.

די נאַכט איז פערשפּראָכען
מיט חלומות און שפּאס
ביז עס וועקט אויף דעם גרעסטען
און שפּייט אויס מיט האס.

די נאכט פויגלען זינגען
און וויינען צום טאק
עס רינען די טרערען
אראָפּ אויף מיין באק.

דער ווינט ער טהוט בלאָזען
פון פעלז בארג אראָפּ
און שטויסען די כוואַליעס
וואָס גייען גאלאָפּ.

די כוואליעס צעפּלייצען
איבער דעם ערד קוגעל שטראל
קומט ווידער צום אָפּגרונט
און זינקט אין דעם קוואל.

עס שווימט דאָרט אַ שיפעלע
און איילט זיך געשווינט
זי ברעכט דורכ'ן שטורם
און טרייבט איבער ווינט.

עס פאָרען אין שיפעלע
געפאַנגענע ברידער
אָט ווערט זי דערטרונקען
באלד זעט מען זי ווידער.

זי טראָגט זיך און העמערט און קומט אָן צום טאק
עס רינען די טרערען אראָפּ אויף מיין באק.

פערכשופטער הימעל

בלויער כשוף, אַלטע פליגעל
בלינדער עושר, קאַלטע שפיגעל
איז דער שפּיגעל דיין געוויכט
וואָס וועגט זיך איבער צויבער ליכט.

בלויער כשוף, גרויער שאָטען
אין איין וואַסער קרייז פערטראָטען
איז דאָס וואַסער קרייז דיין מיסט
שפּייזט עס אוים גאָר אָן פערלוסט.

בלויער שימער, פּוסט און פּאַסען
אין איין דונער געוואלד גראַמאַסען
איז דאָס שימער וויסט און פּוסט
איז דער דונער געוואלד דיין הוסט.

בלויער כשוף, רויטע וואונדען
האָסט ניט יעדען שניט פערבונדען
צי צובראָכען, צי פערבריט
ניט פערבונדען יעדען שניט.

שטערען טווינקלען, פייער צונגען
אן דעם וואַסער תהום פערזונקען
איז די שטערען אונזער קרוין
וואָס זיי קעמפען אין געהיים.
צערטליך און באַגריסען אונז
טוליען זיך צו קושען אונז.

און שעמענדיג בעהאלטען זיך
פון פינסטערניש צעשפּאלטען זיך.
אין דער טיפקייט פון דער נאכט
ווערט די ערד מיט זינד בעטראכט.

ווייל יעדער בלינדקייט און היק
איז די פינסטערניש איר גליק.
און אין דעם טיפסטען אָרט
וואָס קיין זאך קען דערגרייכען דאָרט.

דאָך קומען מיר צום טייכעל קרומען
וואו די לעבענס איז פערשווימען.
קוקן ווייט און קוקען גלייך
אין דעם בלוטיגען כּשות טייך.

און דער ווינט טריפט טרער נאָך טרער
פערמאכסטו דיינע אויגען שווער.
מענסט עס זעהן און מענסט עס וויסען
ועמעם הארץ איז ווימט צעריסען.

מענסט בעטראכטען דיין געזינדעל
דער וואָס לעבט איז אויך אין בינדעל.
וועלכער בוים איז אָבגעבראָכען
ווערסטו זעהן די בלוט זיך קאָכען.

פאַר מיליאָנען קאלטע שאַרבענס
האָסטו געהאָלפען זיי פערדארבען.

מיט דיין כשות פאַר סקילעטען
אז דער שונא זאָל זיך זעטען.
שיק אראָפּ דיין צויבער לעפעל
שעפּ אָן בלוט א גאנצע שעפעל.

ברייננ ארויף עס אין דיין הימעל
קנעט עס איין מיט זונען גרימעל.
און פערוואנדעל אין אטאָמיק
וועט זיין ביליג עקאָנאָמיק.

ווארף עס אראָפּ אין דיין אלקער
וועסטו פערניכטען אלע פעלקער.
וועט ניט בלייבען קיין געביין
זיך ריינוואשען וועסטו אליין.

די בלום

די בלומען אין ווינטער
פארפרירען אין בויט
עס דאַרף זיי ניט קיינער
נאָר איינער פון נויט.

איר קאַרגליכער שמעקען
און שטערבליכער פראכט
דער טאָג וואָס בעהאַלט איר
אין כוואליעס פון דער נאכט.

און וועלקערט און טריקענט
אַן גלאנץ און אַן שיין
ווען עס קומט אַן דער פרילינג
וועלען נייע שוין זיין.

די שאָטענס פון וואָלקען
פערנעבעלט די ליכט
א בליק פון דער לבנה
פערשעמט איר געזיכט.

דער מענש איז געגליכען
צו די בלומען אין פּאַרק
אַרויס פון דער קרעמיל
אַראָפּ פון דעם מאַרק.

די צייט און די יוגענט
דער מענש און די בלום
און בויגט זיך צום שיקזאל
באַהעפט מיט זיין טרוים.

עס אַרט איך ניט דאַרט
וואָס זי ווערט פערלוירען
ווייל אין פרילינג אויף איר אָרט
וועלען נייע געבוירען.

זיי וועלען זיך וואקסען און פלייסען
און בליענדיג לאָזען זיך דערקאָנען
וועלען קינדערלאך קומען זיי רייסען
און וולען די אלטע דערמאָנען.

דיין האנט

דער מענש ווערט געבוירען
באַגאַבט מיט צוויי הענט
ער שטראָגעלט צו לעבען
און ווערען געשעמט.

אין איין האנט איז פייער
אין דער צווייטער האנט דאָסט
און וואקסט אונטער זונשיין
אין נעכטיגען פראָסט.

דער פייער איז האפען
די דאָסט איז זיין געלט
ער בלאָזט דורך די פינגער
און ברענט אוים א וועלט.

פאַרברענט ער זיין פאנצער
זיין ביקס און זיין שווערד
מיט צען טויזענט פליער
און פאַלט צו דער ערד.

די לופט אין זיין אָטעם
זיין האַרץ פול מיט רויך
פליט איבער ימים
און פאַלט פון דער הויך.

עס איז ניט פערבאָטען
ער קריגט לופט אומזיסט
דאָך ווערט ער צעטראָטען
פון מילבען און מיסט.

פערלירסטו דיין שטאם
פערלירסטו דיין לאנד
דיין אייגענער פלאם
איז אין דיין אייגענער האנט.

דיין האנט האָט די מעשהייט פערלאָרען
אָבער דיך אויף אייביג גאָר ניט
ווערסטו אין א זאבע געבוירען
וואָס דו וועסט ניט קענען זיך שלאָגען דערמיט.

דו וועסט ניט פערשניידען די נאכט
פויגעל זינגען
און דו וועסט ניט צעהאקען די בוים ארום זיך
דו וועסט זיך נאָר איינהערען וואו די
גלעקעלאך קלינגען
און די זון אין איר גאנג קומט אָן גיך.

פיר גלַענצענדע פערד

פיר גלַענצענדע פערד אין א צאם
אויף צוויי פיס געשפּאנט אין איין שפּאַן
און קענען זיך קיינמאָל ניט צעשיידען
ווייל איין האַרץ און איין גאַל איז אין ביידען.
און איין קאָפּ צו די אַנדערע דרייען
ווען זיי הויבען אָן אלע צו שרייען
דער ערשטער, א שטאָלצער, פארשייטער
וואָס רייסט זיך צום הימעל און ווייטער.
אין מיטען איין הארציגער רייטער
וועלכער רופט זיך דער פערדיל דער צווייטער
דער דריטער א גיפטיגער טראָפּען
וואָס טרייבט פון די פיס און צו קאָפּען
און באלד הויבען אָן זיך צו קריגען
פערמאטערטערהייט ביי די שטיגען.
דאָ שרייט אוים דער מיטעלער גבור
ווען דער ערשטער שפּרינגט פּלוּיטען אריבער
צו וואָס טויג דיר, פון מיר זיך באַפרייען
און גאָר מיך אין גאנצען אויסשפּייען.
דו מיין ניט אז אָן מיר קענסטו לעבען
איין טראָט קענסטו אָן מיר ניט געבען
די לעץ צי ניט איבער די סטרונע
און זוך ניט קיין מיתה משונה.
דער לעצטער וואָס שלעפּט זיך פון הינטען
איבערגעטריבען איז ער ביים געשווינטען
דאָ לאָזט ער די פערד, אלע וויסען
אַז ער וועט, מיט גאַל זיי פערגיסען.

ל״ז

א סטאַדע מיט גענז זיינען געפלויגען
מיט ווינט און מיט רויך אין די אויגען
פערבלאָנדזשעט אין וועג ווייט פערקראָכען
ווי גרויס דער געפאר איז גרעסער דער בטחון
דורך נאכטיגע וואָלקענס געשוועבט
מיט פרייד דעם בעגינען דערלעבט.
האָט איינע פאַרגעלייענט א געבעט
געגראגערט און פריילאך גערעדט.
גוט מאָרגען, מיר זיינען הונדערט
איז געקומען אנטקעגען אן אָדלער
און האָט שטארק זיך געוואונדערט
און האָט געזאָגט גוט מאָרגען מיינע
ערליכע לייט
עס איז אמת אז ביז אין טאָג איז ניט ווייט
אָבער איר זענט ניט קיין הונדערט, איר
מאַכט א טעות
איך זאָג אייך אז איך פראווע מיט אייך
קיין קאַטאָווים.

איך וועל אייך זאָגען פיל אייער צאָל וועט
אויסטראָגען.
נאָך אַזוי פיל וויפיל איר זענט
און נאָך א העלפט וויפיל איר זענט
און נאָך א פערטעל וויפיל איר זענט
און איך איינע, וועט ערשט זיין הונדערט
זאָגט מיר האָט דער אָדלער געפרעגט
און גלייך דעם ציפער אויסגעמעקט.
ווייסט איר וואו איר געפינט זיך,
און ווער איר זיינט
האָט אים געענטפערט א גענזעלע שיין
ניין, מיר ווייסען נים, ניין.
האָט ווידער דער אָדלער געזאָגט אזוי
עס איז נים קיין גוואלד, קיין געשריי,
דארום ווייסט איר נים וויפיל איר זיינט
ווייל איר פליט נים גלייך מיט דער צייט.
איר געפינט זיך טויזענטער מייל פון ערגעץ נים
ווייל אייער ארבעט איז נים קאָמפּליט.
איר שטאמט פון די יעניגע, וואָס די וועלט
קען אָן אייך נים עקזיסטירען.
דערום וויל אייך דער שונא איבערפירען
נעמט מיין רעכענונג פון הונדערט אין טיילען
וועט איר אויסגעפינען ווי זיך אַליין איבערציילען.

א פיש, א ראק און א גאנז

דער פויער האָט געהאט אַ וואָגען
און קיין פערד ניט ביים האנט
א פיש, א ראק און א גאנז
האָט ער אין וואָגען איינגעשפּאנט.

די פיש מיט איר נאסקייט וואָס רייך
האָט געצויגען צום וואַסער אין טייך
די גאנז ווי גרינג און ווי ווייך
איז געפלויגען ארויף אן דער הויך.

דער ראק האָט פערדרייט זיך אין שטריק
און זיך געקלעטערט אויף הינטען צוריק.
זיי האָבען פאר וואָכען געטאָן זיך צעהאקען
ביז דעם וואָגען צעבראָכען דער פויער
זיין נאקען.

דערצייל

דערצייל מיר קליינער בחור׳ל
דו זעסט אוים ווי שחור׳ל
אין דער פרעמד וואו שווארץ איז יעדער זאך
דערצייל מיר קליינער וואָרימעל
דערציילזשע מיר דיין חלומ׳ל
דו האָסט פערלוירען אין דיין חלום גאָר א סך.
צו יעדער ענעמיל ביסטו פרעמד
טיף אין דער ערד אונטערן זאמד
באגראָבען לעבעדיגערהייט און גאנץ אליין
האָסט ניט קיין לאנד און ניט קיין ברעג
דו ביסט א פרעמדער אויפ׳ן וועג
דאָך שפייזט דיך גאָט אפילו אונטערן שטיין.

טרערן

איך האָב אין דער מדבר א מזרח געבילט
תפלה געטאָן מיט כונה
ביז די זון איז פערשוואונדען, די ערד אָפּגעקילט
ווען ערשיינט האָט די קאַלטע לבנה
די זון האָט דאָס מדבר׳שע זאַמד דורכגעזופּט
און אויף יענער זייט ים זיך געקולעט
איך האָב זיך אין אייגענעם שאָטען פערליבט
צו אים זיך וואָס מערער געטוליעט.
ניט פיל האָט געדויערט די איינזאַמע ליכט
וואָס איך האָב אזוי פיל פארגעטערט
מיט גרויסע שטיק וואָלקענס פארדעקט
איך געזיכט
און שעדליך צום שאָטען געקלעטערט.
דער האַסטיגער וויכער האָט א מזבח געגרייט
אין מדבר׳שען שוים זיך צו שאָטען
דער פראָסטיגער ווינט האָט א קלייד זיך געגייט
פון שנייאיגע טרערן צוטראָטען
געהילכט האָבען טויזענטער נאַצישע זשמייען
פון רייפילס, טאָרפּידאָס, די קלאַנגען
אפילו די קריג צו פערלירען, נאָר דערווייל
זיך פרייען.
ווען זיי ווייסען ווי נאָר מיך צו פאַנגען
עס האָבען זיך ברידער אין לופטען געקליגט.
נאָך נאַצים געטאָן זיך נאָכיאָגען.

עס האָט זיך א שטערן געוואָגעלט, געוויקט
דורך וואָלקען זיך האסטיק געטראָגען.
ביז דער טייפעלשער צאָרן האָט איבער מיר
זיך צעפלאמט
עס איז אים כמעט ווי געראָטען.
מיינע פיס צעבראָכען, דעם פנים פארברענט
די אויגען מיט פולווער פערשאָטען.
איך בין ניט געשטאָרבען, איך בין נאָך ניט טויט
איך האָב מיר מיינע אייגענע שניטען פערנייט
געהערט האָב איך מדבר׳שע פינסטערניש
זיפצען
און ערטער פון קוואלען אין דאָרשטיגען
קרעכצען.
און טויזענטער שטערן און געוואלטען
פון בליצען
און זייער פיל ציינער זיך שפאלטען פון קריצען.
און מוטערשע טרערען פון וויינען און קלאָגען
פאַר מיר און נאָך קינדער דאָס איינע וואָס
זיי פערמאָגען.
נאָר איך מיט א מיליאָן הערען אייער געוויין.
פיל מערער וועלען קיינמאָל ניט קומען אהיים.
מיר וועלען בויען די פרייהייט מיט גליק
פאַר די וואָס וועלען קיינמאָל ניט קומען צוריק.

דער ווינט

דער ווינט האָט געטראָגען
פאַר מיילען ווייט שנעל
באַשעדיגט די הייזער
אין יעדער איין שוועל.

צעבראָכען די שטיבער
פאַרוויסט און פאַרשטערט
געבליבען איז גריבער
און בערג אָפּגעקערט.

די ווינטען כאַליאַסטרע
לויפט הין און צוריק
רייסט אָפּ דעם קוימען
און הויבט אויף דעם בריק.

און הויבט אויף די כוואַליעס
שפאַנט אין דער הויך
מישט אויס מיט זאַמד
און מיט שטורם און רויך.

הויבט אויף דעם שייער
לאָזט איבער א גליטש
און מישט אויס דעם פייער
מיט דונער און בליץ.

ער הויבט אויף דאָס קאָרן
און טראָגט ווייט אוועק
לאָזט איבער א דאָרן
פון הונגער און שרעק.

ברומט מיט לצנות
ווי אן אָקס צי א רינד
א וועלט מיט קרבנות
פאר איין מענשענ׳ס זינד.

אין דיין שוץ

וואו איז מיין קאָפּ און מיין שכל
אז קאַלט איז מיין טרער, מיין שמייכעל.
גאָטעניו זיי זשע מיר מוחל, ניט רעכען
מיר מיינע זינד
די שקלאַפּישע ארבייט פערדאמט מיר.
דער טרייבער ערגערט, און פערסמט מיך
די לאַטע די געלע פערקלעמט מיך.
וואָס בין איך, ווער בין איך אצינד
עס האָט זיך א מלאך באוויזען
די שקלאַפּישע קייטען צעריסען.
און יעדער פּיראַטישען וועזען
וואָס האָט מיט דעם טאַלען פערבינדט.
גאָטעניו, דו ביזט א גוטער
דו ביזט מיין פערזאָרגער, פערהיטער
באשיץ מיך ווי א צערטליכע מוטער.
טרייסט מיך און גלעט מיך אָן א שעור
דעם שטראָף וועל איך אייביג געדיינקען
אפילו ווען דו וועסט מיר מיין פרידען שיינקען.
וועל איך נאָך דער וועלט, גאָרניט ביינקען
און נעם אין דיין שוץ מיך צו דיר.

פון וואָלקען צום טאָג

די זון האָט איר פּנים בעהאַלטען
דעם טאָג איינגעוויקעלט אין שווארצען
די נאכטיִגע שאָטענס די קאַלטע
פארענדערט דעם טעגליכען הארצען.

נאָר וויפיל דער טאָג זאָל זיך שלייפען
געשפּעט און געלאכט האָט דער וואָלקען
אז ער וועט דעם וועג אים פארלויפען
די צייט איז באַגינען פאַרפאָלגען.

קוים ווילסטו אין טאָג זיך קאָמפּליטען
דעם סוד ליקה חמה ערקלערען
וועל איך צווישען ביידען אין מיטען
די ליכט אין פרימאָרגען צושטערען.

און שפּעטער וועל איך זיך צעגיסען
און וועל דיך אויף צען טעג באַטראָגען
דעם ווינט און דעם שטורם צעפליסען
מיט גיפטיגע טרערען באקלאָגען.

אין ווינטער וועל איך די בערג אראָפּקערען
פארוויסטען די גרינליכע גראָזען
באדעקען מיט שניי דיין גאָלדענעם שטערען
דיינע זילבערנע אויגען פארבלאָזען.

אין זומער וועל איך דיינע ביישטייער
מיט דונערען און בליצען דערשרעקען.
פערוואנדלען די וועלט אין א טרויער
אין אַ קלייד אין א שווארצע ענדפלעקען

און דאן וועל איך זיך פארנויגען
מיט פאלשקייט באצווינגען דיין פראכט
און ווידער מיט דיין רעגענבויגען
דיך ברייגען אין גאנג פון דער נאכט.

אומשולדיג

דער מענש איז אומשולדיג פערזינדיגט
עס ציט מיך מיין אומשולד דערינען
מיט אָפענע אויגען פערבלענדיגט
פירט מיך מיין זאָרג מידער זינען.

עס שפרייטען זיך גרין רויטע פעלדער
פון זינדיגע מענשען געזעסען
און ווערבעס פארטריקענט אין וועלדער
וואָס וועלען די זינד פארגעסען.

זיי זיינען פארפירט אין די קלאסען
און לאָזען קיין זאך ניט אויף שפעטער
און ווערען אין דעם אויסגעלאסען
ווייל מען מעג וואָס מען טאָר ניט א היתר.

עס זיינען פיל קינדער אומשולדיג געבוירען
זייער טאַטען גאָר קענען זיי ניט
און ווערען אין מלחמה פאַרלוירען
אויף יעטווידער שריט און אויף טריט.

דאָך וויל ער דעם שונא באגראָבען אליין
אומשולדיגערהייט איינגעשפאנט
קאלט און פארצווייפעלט, פארבאָרגען געהיים
און קריכט מיטן קאָפ אין דער וואנט.

עס דרייען זיך רעדער הארמאטען
אין מיטען א ראָד גאָר א הויכע
פון ליבע די געשניצטע סאָלדאטען
פאלען אוים א צאָל גאָר א גרויסע.

און איך אויך בלאָנדזשע ארום אין א וועגעל
עס פירט מיך די ווינטיגע טענץ
און דריי זיך אין מיטען אין רעדיל
עס ציט מיך צום זינדיגען מענש.

די קאַלטע וואָר

ווי ברייט איז דער הימעל
און קליין איז די וועלט
צענטוויזענט יתומעלאך
פערדאַרבען פון קעלט.

פערבלאָנזשעט, פערטריקענט
פון הונגער און נויט
אנדערע לעבען נאָך
און זייער פיל טויט

אָן פאָטער און מוטער.
און עסען אָן א שטוב
מיט זעקס מיליאָן רעפיודזשים
און איין קעסעל גרוב

עס קלאָגען מלאכם'לאך
ביי זייערע פים.
און קענען ניט בייקומען
דעם שונא געווים

זיי ווייסען ניט וואָס צו טאָן
און קענען ניט פערשטיין
צען מיליאָן וועדערינס
אין איין קאַלטען פליים.

עס ברענט שוין דער אַקער אייזען
אין דעם אקערמאנס האָר
וואָס קענען זיי מער דערווייזען.
אין איין קאַלטער וואָר

עס ברענט א פלאם פייער
ארום דער גאנצער וועלט
צען טויזענט יתומים
פארדאָרבען פון קעלט.

דערגרייכען

דער ווינט האָט פערטראָגען דעם רויך
אזוי ווייט
דעם פייער פערבלאָזען, די טעג און די צייט
די גרויסע שטיק וואָלקענס און קליינע צופיל
באוועגט זיך א שטערען און פאלט אראָפּ שטיל.
עס טרייבען זיך בילדער ארויף אין דער הויך
בלוט רויטע פיגורען, און אנדערע בלויך.
עס יאָגט זיך א שיפעל מיט מיליטער זעלבסט
פאַרלירט זיך ביים שונא, צוברעכט אים
אויף העלפט.
קרבנות צו גאָט קומען אויך איבער געוואלד
וואָס שרייט אוים פון אָפּגרונט פון טאָל
און פון וואַלד.
נישטאָ מער קיין לעבען, נאָר שאָטענס פון הענט
וואָס קענט איר געבען ווען עס איז אלעס פאַר־
ברענט.
וואָס קענט איר דערגרייכען צום הימעל
וואָס הויך
נישט מער ווי א בלוטיגע פיגור פון רויך.

האלט די אויגען אָפען

ארום דעם דעסק אין ווייסען הויז
זיצט א פירער אויבענאָן
דורך שפּעקטיוועס קוקט ער אוים
אין מלחמה וואָס גייט אָן.

פון א מעסער איז ער גרעסער
ווייל ער איז א קאָכלעפעל אין טאָפּ
פאר שפּיאָנען רייסט ער שלעסער
און פירט די שעפּסען פארן קאָפּ.

ער טוט מיט פאלשקייט חן געפינען
צו דעם שונא פעטענס פירען
ווער עס וועט די קריג געווינען
ער וועט קיין זאך ניט פארלירען.

און שלעפּט די נייסען פון דער וואנט
שרעקליכע און שלעכטע
שרייבט אָן מיט דער לינקער האנט
און קויפט אונטער די רעכטע.

דען היט די נאַכט פון קאָרעספּאָנדענטען
זייט׳זשע ניט פארשלאָפען
ווילט איר ריכטיגען מאָמענטען
האלט די אויגען אָפען.

דער גן עדן

ווי שיין און גוט איז דער גן עדן
אָבער שטאַרבען וויל דאָך קיינער ניט
דער לעבען איז א תהום פון ליידען
און שקלאפען קיטען איינגעשמידט.

א האלבע וועלט איז שוין פארניכטעט
גערעדט, אז דאָרט איז מען ניט פרום
און דאָ זענט איר דאָך אויך ניט זיכער
ווייל בעטען גאָט איז ביי אייך קרום.

שקלאפען בלוט ווערט ניט פאַרגעסען
וואָס פארגאָסען און פארזייט
גייסטער דורך די פעלזען פרעסען
און פלאנצען בלומען אלע רויט.

וואָס וועט זיין, דאָס וויים ניט קיינער
ווייסט איר נאָר וואָס איז געווען
וויים נאָר גאָט, ווייל ער איז איינער
ווען זיינע נסים וועט געשען.

מיין הארץ פון טרערען איז א קרבן
איך וויין פאַר ברידער און פאַר פריינט
איך וויין פאַר יענע וואָס געשטאָרבען
און איך וויין פאַר די וואָס לעבען היינט.

דניאל פון זיבען ימים

א מענטש איז אין אייביגען שטראָגעל
אין שרעק און אין טרויער זיין רוה
עס ווארפט אים דער שטורם ווינט האָגעל
און ער קען ניט פארלאָזען זיין קרו.

דאָך שווימט ער אלץ ווייטער און ווייטער
פארפאָלגט פון זיין אייגענעם שוים
די ווייס קלאָרע זעגלען פערבייט ער
און לאָזט זיך פארפירען פון שטראָם.

דעם שטראָם האָט באשוואוירען דער גבור
אז געפירט זאָל ער ווערען קיסורעה
ביז ער וועט זיבען ימים אריבער.
אונטער זיין באפעל און אונטער זיין גבורה

דאָך האָט ער די וועלטען פערשפּראָכען
אז דער נאָמען פון גאָט זאָל זיי קלינגען
עס זאָל אים קיין זאך ניט צעברעכען
פון זיין קרו זאָל אים קיינער ניט צווינגען.

היינט האָט ער פערהאנדעלט מיט פרידען
פארזאָרגט דעם טעקסביל דעם נייעם
ברייגען בשלום די אידען
ארויספירען זיי פון מצרים.

די וועלט אין איר נאַכטיגע כוחות
דער ים־סוף א ווינטיגער מיל
אירע פליגלען איין שווארצע פרוכת.
באוועגט זיך אלץ שטילער און שטיל

די גרויסע שטיק וואָלקענס זיי ווינקען
וואָס אז צו דער ערד פיל געטריי
זיי קומען פון שטראָם זיך אָנטרינקען.
און לויפען אוועק שטיל פאַרביי

דער הימעל פון גייסטער פארבאָרגען
דער דונער און בליץ איז פאַרשטומט
פאר׳כשופ׳טער היינט אין דעם מאָרגען
די צייט דורך די יאָרען וואָס קומט

די וויספע ביים יום־סוף אין מויל
איך אויג איז פארבלענדעט און שווארץ
זי ליגט אויפגעדרייט ווי א קנויל.
משחתים וואָס ברעכען איך הארץ

פארפוילט אין איך אייביגען קלעם ציין
פון משחתים און וואַסער טהירען
יעצט האָפט זי פאַר היילגע מענטשען
זיי זאָלען די קאָפּ אירם בארידען.

און האָפט ביז דניאל וועט קומען דורך
ימים זיבען
מיט גייסטיגען פרידען באשטעלט
וועט זיין פאר דער וויספע אויך אָנגעשריבען
א ליכטיגע פרידליכע וועלט.

מאמע מיינע טייערע

איך האָב פערזאָרגט דיך מאמע מיינע
ליבע טייערע
מיט א ביסעל רייכטום דיך באלוינט
פאַר מיר האָב איך געמאכט א וועלט א נייערע
אין דעם טיפען אָפּגרונט זיך באקרוינט.

אין טיפען אָפּגרונט שטראלט יעצט
יעדער שטיינדעלע
פון דער זונשיין איבער וואַסער טאָפּ
וויינט נאָך מיר מיין מוטער און מיין קליינע
שיינדעלע
וויטער וויינט ניט קיינער נאָך מיין קאָפּ.

ווייז ניט מאמע, וויין ניט ליבע שיינדעלע
בארוהיגט זיך אין אייער לעצטער טרער
אין הונדערט יאָר ארום, וועט פון דיר
ביז מיר דיין מענדעלע
קיין אונטערשייד ניט בלייבען מער.

די וועלט איז ניט מער ווי א גהנום
דער לעבען א פעכיגע צוואנג
ווען דו לעבסט מוזטו זיך קלעמען
און קלעמענדיג גייסטו א גאנג.

דאָס יום טוב טאָג

טראָג מיך אריבער דאָס בליצקריג געפילדער
צושמעטער דעם שטורם ביז שטיל
צושמעטער דעם שעדישען אָנפאל אין
דער ווילדער
און נאָכדעם מעג זיין וואָס עס וויל.

טראָג מיך אריבער דעם משפט דעם שווערען
דאָס וואלגערען פון גיהנום און ברען
און ברייננ מיך אין פרידליכען יום טוב
אָט דאָס וואָלט איך גערן
דעם יום טוב טאָג וויל איך נאָך זעהן.

מיר האָבען געאַקערט

פיל דער מענש האָט געזינדיגט
האָט ער זיך אין דעם ניט געזעטיגט.
אין בליק זיין לעבען געענדיגט
און ער האָט מיט זיין וועקסעל פארשפעטיגט.
דאָך פאָרט ער ארום איבער ימים ווייט
צו געפינען איין פריינט פאר אים דאָרט
און קומט אין דער ריכטיגער צייט
צוריק צו זיין אייביגען אָרט.
און פליט אין די הימלען גאנץ שיין
און איז געבונדען צו דער ערד קוגעל וויג
דאָך ווייס ער גאָר ניט אליין
אז ער איז נאָך שוואכער פון א פליג.
די פליג האָט דאָך פליגלען אויך
און פליט אין די הימלען גאנץ שיין
אויב זי וויל פליט זי גאנץ הויך
און אויב זי וויל שטעלט זי זיך אָפּ.
דאָ שטעלט זי זיך אָפּ אויפן אָקס לעבען פלויט
ווען דער אָקס האָט צואַקערט די ערד
דען זאָגט זי, מיר האָבען געאַקערט און געזייט.
אַזוי רעדט זי צום פארמער, צום אָקס, און
פערד
דער מענש איז גאנץ שוואך אין זיין פאך
איז ער אָבער קלוג אָן א שיעור
ער סטראָגעלט און באשאפט יעדער זאך
פאַר דער פליג, און פאר מיר און דיר.

דער סוף

גערהילכט האָט א שטימע
דורך הימלען געפּילדערט
א קויל פון א גבור
האָט פערצווייפעלט געשילדערט.
צי הערט ווער מיין טרער
צי זעט ווער מיין ווינד
די וועלט איז פאַרלוירען
אין איך טעות אצינד.
דריי חדשים איז היינט
אַז איך וואנדער אָן שפּייז
קיין איינציגער פריינד
קיין איינציגער ווייסט.
איך רעד צו דעם הימעל
איך ציטער און פרעג
צוריק צו דער ערד
איז נישטאָ מער קיין וועג.
יעצט הערט מען די גוואלדען
פון הימלען מיט שפּאָט
מישט אוים די אטאָמיק
פון א טראָפּען א קוואָרט
איין בארג מיט א צווייטער
מישט אוים אין טאָל.

און מישט אויס די דזשאַנגעלס
מיט הימלעשען קול,
עס טראָגט זיך א וואָלקען
עס בליהט און עס שטראַלט.
פון פייער אפּנים
צושפּריצט און צו פאַלט
עס מאָלט זיך א פיגור
א טאַליע אין בלוי.
רייסט אָפּ די רעבליע
פאַרזיגט באַלד אין טוי.
עס פליהען די וואָלטשערס
און קריצען די ציין
פון אַ וועלט מיט קרבנות.
איז געבליבען א קליינער ביין
עס קלייבט זיך דער עושר
פון טרעפּ באַרג אַראָפּ
בלייבט אונטער א היטעל
איין פוס מיט א קאָפּ.
עס שווימען די פיש
אן אטאָמישען פלעק
ווי שרעקליך און ענדליך
איז צו דערגרייכען די דעק.

עס רעדען טייוואָלים
וואָס וועט פון זיי זיין
נישטאָ מער קיין חלום
נישטאָ מער קיין וויין.
נישטאָ מער קיין פיניגונג
קיין שרעק און קיין נויט
נישטאָ מער קיין ליבע
קיין ליידען און קיין שויד.
די שטאָדט און די דזשאָנגעל
ווילעדזש און דאָרף
איז אונטער איין משפט
און אונטער איין שטראָף.
עס ווערט אויך פערמשפּ׳ט
דער שטראָף און די קאָרט
אפילו דער גיהנום
האָט מער נישט קיין אָרט.

דער קאַליקער

אַריין אין האָספּיטאַל
ליגען קראַנקע זער פיל
אַנדערע שטיפען נאָך
און אַנדערע שטיל.

אייניגע גייען אום
און אייניגע זיצען
און איינער אויף קראַזשעס
האַלט אין איין שוויצען.

ער האַלט אין איין שוויצען
און וויינען און ריידען
ווער האָט געוואָגט מיך
מיט מיין היים צושיידען.

עס האָט מיך דער שיקזאַל
אַזוי ווייט פאַרטריבען
אהין ניט דערגאַנגען
און אין וועג ניט געבליבען.

עס האָט מיך דער שיקזאַל
אַזוי ווייט פערוואָרפען
אַז די ערשטע קויל פון אַלעמען
האָט מיך נאָר געטראָפען.

איך ווייס אַז די קינדער
וועלען זיך געווים מיט מיר שעמען
און די ווייב
וועט מיך געווים ניט דערקענען.

דאָ גייט ער שוין שלאָפען
פון בעט פאלט אראָפּ
אַמ בינדט מען אים צו
און אַמ בינדט מען אים אָפּ.

ער ווערט ווי צעמישט
פארשטוינט און פארטויבט
מען האָט אים פארקריפּעלט
מען האָט אים בארויבט.

די נוירסעס זיי ארבייטען
אַז עס ווערט זיי ניט גוט
מען טראָגט אריין א קראנקען
יעדע פינף מינוט.

עס גיסט א שלאקס רעגען
עס שטורמט א גרויל
עס קלאפּען הארמאטען
אַ קויל נאָך א קויל.

דאָ ברייגנגט מען א קראַנקען
פון עקספּלאָזשען פאַרברענט
מיט א קאָפּ איינגעבונדען
אָן פּים און אָן הענט.

אַט קוקט ער אים אָן
בעטראַכט אים אָן א שיעור
און זאָגט נעבעך א קאַליקע
נאָך ערגער פון מיר.

ווער זענט איר אזוינס?

איר מענטשעלאך קליינע
ווער זייט איר אזוינס
וואָס ווילט איר דעם הימעל
דעם יוניווערס ספּוים.
איר לויפט נאָך מאראָזען
וואָס איבער דער וועלט
געפינט איר פון גיהנום.
די היץ און די קעלט
איר ווילט די לבנה
ברייגען אויף דער ערד
וואָס ארט אייך דער שונא
זיין ביקס צי זיין שווערד.
איר שאפט די אטאָמיק
איר צאפּט פון דער זון
איך וואונדער, צי דער אלטמעכטיגער
ווייס גאָר דערפון
גאָט האָט געשוואָרען
ווי היילינג איז זיין וואָרט.
אז יעטווידער שטערן זאָל באלייכטען
דעם ווילד פרעמדען אָרט.
עס פאלען ערפליינס
טאָג טעגליך פון ספּוים
ווייל איר זענט קליינע מענטשען
וואָס מאכט איר זיך גרויס.

אנטקעגנען דעם שטורם

מיר געהן אנטקעגנען דעם שטורם
צו קעמפען אין בלוטיגען שלאכט
מיר האָפען עס וועט אונז געלינגען
באזיגען דעם טייפעלשען מאכט.

מיר מוזען אונזער בראווקייט באווייזען
אין פליהען, צי אין וואַסערען טאָלען
מיר וועלען דעם טייפעלס רואינע אויסרייסען
אפילו מיטן לעבען באצאָלען.

מיין באָבע

אלט איז מיין באָבע הונדערט יאָר
א צדקות אין איר דור
פון קיין טאבעק ניט געוואוסט
די מזוזה אָפּט געקושט.
געבליבען יונגערהייט פון מאן
אין א שטיבעלע א שפּאן
די פעלד געאקערט און געזייט
און די יאָרען זיך געדרייט.
אין פעלד, א גאָרטען ווי א טרער
זי וויל ניט, און זי דאַרף ניט מער
קיין צווייטען חבר ניט געזוכט
מיט וועמען טיילען זיך די פרוכט.
ווייל א צווייטער פול מיט שפּאס
פאַרזוכען וויל פון עץ הדעת
שטיין צו קאָפּ פון בלויז מיט חן
זי שרעקט זיך ניט און שלאָפט אליין.
נאָר ווען א וויכער ביינאכט שפּעט
שטעלט זי אָן דעם פיסטאָלעט
צי א טייפעל צי א מענטש
שיסט א האָז אין זעלבסט דיפּענס.

עלענד

ווען די בוים איז עלענד
דאַרפֿן אירע צווייגען
אין א טאָג א העלען
שרעקליך איז איר ליידען.

דער ווינט איז איר באליידיגער
די זון איז איר פאַררעטער
די וויספּע איר פאַרטיידיגער
דער מאלער איר פארטרעטער.

ווען דער שניי באדעקט די וועלט
פילט זי צופרידען און רייך
עס אַרט איר ניט די קעלט
ווייל זי איז מיט אלע גלייך.

ענטפער

עס פליט איין אָדלער שנעל ארום
מיט פליגלען שווארץ פארשטעלט די זון
לאָז זיין פינסטער, לאָז זיין שווארץ
אזוי מיין פארפּאָלגטעם הארץ.

דו פליסט דאָך ווייט, און הויך ביסטו
דאָרט אין הימעל איז דיין רוה
צי האָסטו ווען פון מיר געקלערט
זאָג׳זשע מיר וואָס איז באשערט.

איך מורמעל קוים און רעד פון שלאָף
נישטאָ קיין גליק, מיט אָן באשטראָף
די ליכט שעפּט איר, פון שאָטענס צוואנג
וואָס קומט מיט האַס און ברענט אין גאנג.

שפאנט איין די גענז

פיר אייזלען וואָס פירען
איין ריזיגע פאס
באַרג אראָפּ. און קערען זיך
פון וועלדעל אין גאַס.
איין פאַס ווי אַ מויער
באוואקסען מיט שימער
וואו געפירט האָט א פויער
די גענז מיט די הינער.
עפּענט זיין קעקע
און קראצט זיך און קויף
פרעסט צין טאבעקע
ביי זיך פון דעם הויף.
ער מיינט ניט פארהיטען
שילט גאָר און שרייט
בייגט זיך אין שליטען
הוסט אָפּט און שפייט.
פערגלייכט ער די לייצעס
פון שפּאן וואָס ער האלט
טרייבט פיל די אייזלען
און יאָגט זיי מיט גוואלד.
די אייזלען זיי ציהען זיך
אהין און אהער
אין שניי זיי רויען זיך
פון אָרט ניט א קער.
פיר מייל פון שטאָט
איז ער אַריין אין א גריב
פון אלץ וואָס ער האָט
פיינט צי ניט ליב.
שפּרינגט ער אראָפּ
דער שיכור׳ער מענטש
שפּאנט אוים די אייזלען
און שפּאנט איין די גענז.

דער בוים און דער בארג

ווי לאנג וועט די בארג דיך נאָכטראָגען
דאָס פיינטשאַפט וואָס ליגט אין איר הארץ
דיין סוד וועסטו קיינמאָל ניט זאָגען
צי ביסטו גרין אָדער רויט, אפשר שווארץ.

דאָך ווילסטו זיך מיט איר צושיידען
נאָר דו קענסט ניט פערלאָזען דאָס גליק
ווען דו האָסט נחת פאר ביידען
דען מוסטו זיך ציען צוריק.

דו ווילסט אָבער, קענסט ניט אָפּטרעטען
ווייל אין האַרצען ביי איר איז דיר איינג
די זון קומט און הויבט דיך אָן גלעטען
וואקסטו אוים ברייטער ווי ליינג.

די זון איז דאָך דיינע א געליבטע
א קוש פון א ליבע איז היים
אין בארג ביסטו נאָר א פארקניפּטע
אין אָקניפּ פון א צאָן איז ניט גרוים.

דו ליגסט ביי דער בארג אין איר אקאָן
ווי א קינד ביי דער מוטער געטרייער
וועט דער האקער יונג קומען דיר האקען
און וועט דיך אין גאנצען באפרייען.

מיין שטילע ליד

געציילטע ווערטער מיט גיפיל
איז מיין טרייע ליד
און זינג צום הימעל אין דער שטיל
ווייל איך בין א איד.

צום קאמף מיין אידיש ליד געהערט
געשפאנט אין ווייטע מיילען
דורך די לופטען פליט און גלעט
שטילע פייכטע שאלען.

דאָך מיין הימעלשע געזאנג
וועט קיינער ניט קענען טיילען
ווען מען טרייבט מיך אין דעם גאנג
זינג איך אין די היילען.

דער אומטרייער וועכטער

עס האָט דיך די ליבע
דיין האַרץ אנטעררדיקט
געווינען די גאָטהייט
דעם אָטעם דערשטיקט.

מען האָט דיך באכשופ׳ט
געקושט יעדער האָר
און באלד אויף איין צווייטע
פערביטען דיך גאָר.

צי איז עס דיך גלויביק
וואָס קומט דיך ארוים
צי קען עס אויף אייביק
וואָס געליבט אזוי היים.

דיין אומטרייער וועכטער
פון ליבע דער גאָט
אָט וויינט ער, אָט לאכט ער
פון נקמה און שפּאָט.

און טראָגט אויף זיין פליגעל
איין פונק פון גענום
פון טייוועל און שאַנדע
א גלעט און א קוש.

דעם נעכטיגען טאָג

איך בלאָנזשע ארום פון פילע יאָרען
און זוך מיר דעם נעכטיגען טאָג
דאָך קען איך אהיים קיינמאָל פאָרען
צו געפינען מיין גליק און איך זאָג.

איך בין פון מיין היים לאנג פערטריבען
מיין נעסט איז צוטראָטען, צושארט
עס איז פון מיין הויף ניט געבליבען
קיין ווערבע, קיין איינציגער בלאַט.

פארשאָטען זיינען אויך אלע ברעגען
די שטיינער וואָס האלטען דעם בריק
איך בלאָנזשע ארום יענע וועגען
דען מוז איך זיך קערען צוריק.

עס ציט מיך, וואָס קען איך דערוויסען
פיל קברים אין די גאַסען פון שטאָט
מיין גייסט פון איין אָפּפער באוויזען
און זוך פאר מיין אייביגען אָרט.

הונגער

אויף איין עפּעל שיפּעלע
בין איך ווייניג געשוואומען
צו איין פרעמדען לאנד און ברעג
בין איך אַהער געקומען.

אַן עפּעל אלע מאָל געכאַפּט
הונגער צו פארמיידען
איך האָב קיין מאָל ניט געוואוסט
אַז איך וועל פון הונגער ליידען.

אָפּגענאַרט מיין מוטער׳ס טרוים
איר וואונש און איר געפיל
אין מיר געוואקסען איז אַ בלום
אָבער ניט וועלכע זי וויל.

אָבגענאַרט דעם פרעמדען ברעג
און אָפּטמאָל זיך אַליין
און דאָ געפין איך ניט קיין וועג
זיץ איך מיר און וויין.

מיט ווינען מאכט מען ניט קיין ברויט
אין דער לאנד פון אמת
איך פעדיל עפּעל שטומערהייט
און מאַך מיר א פּאָר פענעס.

דערהרגעט צוויי ברידער

די דיק שווארצע וואָלקענס
היינגט איבער די טעג
זיי גראָבען די גריבער
פאַר שונה געשלעג.

עס פליען קאנאָנען
אַריבערן הויז
עס האָגעלט מיט פולווער
און רעגענט מיט בלוט.

עס ראנגלען זיך מתים
און שרייען פאַר פּיס
מיט קעפּ אָפּגעהאקטע
געשטעקט אויף א שפּיז.

א מחנה סאָלדאטען
טרייבט מען צום שייטער
אָט טוט מען זיי האלטען
אָט טרייבט מען זיי ווייטער.

אַרוים דורכן שטרוי
האָבען דרייען זיך באוויזען
געפירט האָבען צווייען
דעם דריטען אין פריזען.

האָט איינער פון זיי
געוואַשען זיך ריין.
דערהארגעט די צוויי
און באפרייט זיך אליין.

דען האָט ער זיך בעהאלטען
אין האָבער אַ זאק
ווען מען ברייגגט אים צוריק
צום שונא צום האק.

און ער קען זיך ניט קערען
ניט אַהין, ניט אַהער
ווער איך דער טרייבער
אז ער איז דער בער.

דער טרייבער ער האַלט אים
געצאמט אין אַ קייט
ער קען מער ניט לעבען
אָבער ער וויל ניט דעם טויט.

מען האָט אים צום היינגען גענומען
מיט יעדערענס וואָרט אומגעדולדיג
דאָ האָט מען באלד אויסגעפונען
אַז ער איז אין דעם גאָר ניט שולדיג.

ער לייקענט זיך ווידער
אין מאָרד גאנץ אליין
דער־הרגעט צוויי ברידער
און גייט ארויס ריין.

צוריק צו דער ערד

איך זעה ווי די כוואליעס רוישען און טרייבען
און איך פלי ארויף און אראפ
די פליסענדע וואסער קען שטיל קיין מאל
בלייבען
אזוי שטויסט מיך צום הימעל אן סוף.

איך פלי דורך די וואלקענס אהער און אהין
גאט פערהיט מיך פון איסורים
פערלוירען מיין וועג, פערשטעלט איז די זון
עס ווארפט מיך ארום ווילד דער שטורם

איין כמארע פארוויגט מיך אין שלאפען.
די צווייטע האלט מיך אין וועקען
אלעס צום גוטען טוה איך מיר האפען
און איך טוה זיך פאר קיין זאך ניט שרעקען.

עס ברעכט אויס פון וואלקען געשטאלט
פון א חיה
און פרעגט ביי מיר ווער ביסטו ווער
אוועק, עס איז ניט דיין וועלט די נייע
דו נאר, דו באלאנגסט ניט אהער.

פאל אראָפּ אויף דער ערד ווי א שטיין
ניט קום אַהער, קיין מאָל צוריק
דיין אָטעם, דיין לעצטען געוויין
ניט פלי און ניט זוך מער דיין גליק.

דרווייל האָט דער וואָלקען געשיקט זיינע בליצען
אין א באנדעל מיט פייער פערבונדען
און האָט אין מיין באלקען ניט ווייט פון
מיין זיצען
א פלאמענדען פאקעל געצונדען

אין דערזעלבער מינוט א שפּרונג און א טראָט
מיט שטאָלץ דעם פארעשוט געצויגען
איינגעשטעלט מיט'ן לעבען אויף גאָטעס
באראָט
בין איך לאנגזאם צו דער ערד געפלויגען.

שמאכען

שטייט אויף מאַרטירער, פון אייערע קברים
און העלפט אונז אביסעל צו שמאכען
לאָזט איבער דאָס לערנען די טייערע ספרים
איר קריגט עס דאָ אויך אָט די זאכען.

אייער גרויסער משיח, וועט אייך נאָך שאטען
ווייל טויזענד יאָר איז ביי אים איין שעה
קוים ווילט איר באמת אויף משיח'ן ווארטען
קריכט ארויס פון די גריבער, און וואַרט בעסער
דאָ

קומט אלע אַהער, בעטראכט אונזער פנים
און זעט ווי מיר זיינען פארגרעבט
צי זיינען מיר גאָר די טויטע אין גיהנום
און איר זענט פון די וואָס איר לעבט.

רוזוועלט

אין סוף פון זיין לעבען
האָט ער אַלעס אָפּגעגעבען
ווען ער האָט איינגענומען די וועלט
מיט דער ערד זיך צושייט
דעם וועג זיך פאַרשפּרייט
און איז אַוועק צו דעם הימעל געצעלט

דער גייסטיגער העלד
אין זיין טראָן שווייגט גאָר ניט
באַוויינט זיינע רייד מיט רחמנות
אָט הער איך זיין רעדע
זיין קול, זיינע טריט
אין זיין אָפּפער פאַר אַלע קרבנות.

צופיל קרבנות
פון צרות און שרעק
פון קולות, פון בלוטיגע טרערען
פאַר יענע זעקס מיליאָן
וואָס זיינען אוועק
איז געפאַלען פאַר יעדען א שטערן.

אויף אייביג געפאַלען
אין אייביגען שטומען
ווי א רייע, אָט האָסטו א סימן
און וועלען צוריק
צו דעם הימעל ניט קומען
וועסט זיך ניט האָבען, מיט וואָס צו באַרימען.

דער מלאך משיח
איז געווען דער שליח
אַן שווערד און אַן שפּיז און אַן מורא
ער האָט זיך פאַרבייגט
פאַר גאָט זיך פאַרנייגט
צו האָבען מיט אים א דין תורה.

דו הייליגער גאָט
מאַך גרינגער די זינד
באַשיץ דעם אידענס משפחה
רייד אוים פון דיין מויל
רייד אוים געשווינט
און גיב צו ישראל דיין ברכה.

דו האָסט זיי פערשאָלטען
אויף צוויי טויזענט יאָר
פאַרטריבען אין שרעקליכען גלות
דיין משפט איז שווער
צי קען עס מיין טרער
נעם אראָפּ פון זיי דיינע קללות.

צוויי טויזענט יאָר
אין איין פערשאָלטענער נאַכט
מיט פולווער, מיט טייפעלשע קוילען
דו האָסט זיי אליין
צו דעם טויער געבראַכט
און דאָרטען געלאָזען זיי פוילען.

ברעכט אויף יענע טויער
מיט אייערע טרערן
די רייד פון דעם העלד האָט געהאָלפען
באפעסטיגט די שלעסער
פאַר פעכט און פאר מעסערט
די טירען זיינען לאנג פאר אייך אָפען.

קוים האָט איר די רעכט
צי איר בויט, צי איר ברעכט
קוים האָט איר דעם שונא גענומען
נאָר וואָס איר באשאפט
איז נאָר איינס וואָס איר דארפט
אז משיח בן דוד זאָל קומען.

דער ספר

דריי הייליגע ערליכע ברידער
דער חומש, דער תהלים און סידור
געווען באליבט און גרויס זייער
ווען עס האָט געלעבט דער זיידע רב מאיר.
געווען איז ער א ראש ישיבה
מיט תענתים א גרויסער בעל תשובה
א גאון, א מופלג נפלאות.
נים גערעדט איין וואָרט אָן המצאות.
פלעגען זיך צונויפקלייבען אלע תלמידים
כהנים, לויים און חסידים
מיט שרעק אָנגעשריבען דעם צעטעל
מיט מורא געהאלטען דעם בלעטעל.
קושען די הייליגע שמות
און בעהאַלטען זיך פון די בהמות
פלעגט מאכען דעם עולם גאָר דול
דערמאָנט זיך דעם תהלים אין שול,
מיט מענשען געפילט ביז אין טיר.
ווען דער רבי פלעגט זאָגען דעם שיעור
די חכמה וואָס ער פלעגט געפינען
פלעגט שפּאלטען דעם מות, דעם זינען

דאָס געבעט און די גרויסע משלים
פלעגן קומען די תלמידים צו חלום.
א צדיק, א גרויסער בעל תורה
פלעגט אריין פאלען אין מרעת תורה
א מגיד, א חזן, בעל קורא
פלעגט קריגען א קורצע איריע
פון די גאָלדענע אותיות און ווערטער
ער זאָל ניט פארגעסען ווען שפעטער.
אַזאַ הייליגע זאך ווי דער חומש
פלעגט קיין מאָל ניט ווערען אונדז נמאס
יעדע וואָך לייענען סדרות
פארענטפערט, פארטייטשט האָט דער מדרש
א בחור ווען ער פלעגט זיך מיט תורה פארנעמען
פלעגט ער זיך דערמיט גאָרניט שעמען.
געגעסען די טעג און געליטען
געשלאָפען אויף דער ערד און געשוויגען
פאַרקויפט זיך צום גביר פאַר אַן איידים
געמאכט זיך א היים אויפן בוידעם.
געוועזען אויף קעסט ביי דער שוויגער
א רב פאַר דער טאָכטער דער קלוגער.
מיט א מזומן געבענטשט האָט ער ווידער
מיט דריי הייליגע ערליכע ברידער.

היינט וואָס איז געוואָרען פון ספר
קיין טעקסעס ניט ווערט פארן קויפער.
און צינדען מיט דעם גאָר דאָס איוועז
קיין שוועבעלאך ניטאָ פארוואָס קויפען
פארדויכערען א סיגארעט
א רויך און א פּאָודער פּאָרטרעט
ניט געשעהן אין אמאָליגע צייטען
מען זאָל אויף איין ספר גאָר רייטען.
און רייסען די שמות אין שטיקער
בפרט ווען זיי זיינען נאָך שיכור.
דער שטורמווינט טוט עס פערשארען
אין פּראָסטיגען שניי עס פּאַרנארען
פּאַרבלאסט עס ביז אונטער די דעכער
פארשטאָפּט מען פון קוימענס די לעכער.
אין טאָילעט קיין שטול אונטער פיסעל
היינגט איבערן לאָך פון דעם שליסעל.
און דען ווען זיי קריגען קדחת
טוען זיי אָפּ צולאָכעס.

דער העלד פאר מלחמה

אידעשער קעמפער
האלט אָן, בלייב ניט שטיל
דיין קאמף איז דער ענטפער
צו מענטשענס געפיל.

לייכסט דורכן גלות
מאַכסט גרינגער דאָס האַרץ
דורך שטראָף און יללות
ביז פינסטערניש פלאץ.

עס טווינקעלט דער צייכען
דיין רעכט גראָבער פינגער
מיט פרייד אין דיין שמייכעל
פון גלות באצווינגער.

געבענשט איז דיין האנט
די אטאקע געלינגען
ווי עס האָט שוין דיין פריינד
פערפאסט און געזונגען.

פאַרליר ניט קיין מוט
די העלד פעסטונג אידען
מיט דיר איז איין גאָט
וואָס ער וועט דיך היטען.

די לאַנד וועט דיך שטיצען
אין גייסט און מיט געלט
די שקלאַפען באשיצען
פון הונגער און קעלט.

אַט זעה איך זיי קומען
דורך ימים און טייך
לאָז קעמפען צוזאמען
פאַר רעכט אלע גלייך.

הער איך די שופר׳ים
און האַרפען וואָס שפּילען
אנטקעגען דעם שונא
וועט הערשען דיין ווילען.

ברעך אויף די געפענגנים
וואָס ברידער געפאנגען
פארברען אלע פעלדער
פון גיפט פילע זאנגען.

צושטוים פאלשע שררות
אנטיסעמיטישע פאַראַזיטען
און פלאסטער דורך גלות
איין צוקונפט פאר אידען.

זיבעץ הימלען

גרויסע און קליינע מלאכים
וואָס פליהען אין וואָלקען דורכאויס
און זיינען ביז יעצט פאר רוחים
קיין מאָל פון דעם הימעל ארויס.

זיי פליהען ארום די קאָמעטען
און גיבען ארויס זייער שטראָף
שפּילען זיך אָן מיט פּלאנעטען
און פליהען זיך העכער ארויף.

דאָ וויל זיך די ווענוס צולויפען
כאפּען זיי אָן איר ביים עק
אז זי זאָל ניט קענען אנטלויפען
און פליהען זיך ווייטער אוועק.

און פליהען דורך בליצקריג אָן רוחות
צוברעכען דעם נאַצישען פראָנט
און פליהענדיג צום הרי חושך
ענטפלעקען זיך אין האָריזאָנט.

די געטאָ גאַס

געטאָ קרבנות געפאלען איז שווער
צום אויפשטאַנד אנטקעגען קיין שווערד,
קיין געווער
פארטיידיגען טויטשטראָף דארף מען האָבען
מיט וואָס
פיל מען זאָל קעמפען, וועט ניט פול זיין די מאָס.
ניט לאָזען זיך אויסשלאכטען פון די נאַצים
ווי שעפסען
קאָפּ פאר קאָפּ, טויט פאר טויט זאָל הערשען
געגרייט זיך צום קאמף, האָט א העלד מיט
פיל מוט
געציילט יעדער שעה און יעדער מינוט.
אז ער זאָל נאָר קריגען א שפּיז פון א ביין
מיט וואָס צו טויטען א נאַצי און שטארבען אליין
זיין טאַטע א שוחט, און א פּאַרמער אויך
זיין גאנץ האָרעוואניע איז אַוועק מיטן רויך.
די חלפים האָט ער בעהאלטען ניט ווייט אין
א גרוב
זיך דעם האלדז אויפגעשניטען אליין אין
זיין שטוב
נאָך איידער פּאַסירט האָט זיין זיכערער טויט
האָט ער די חלפים צווישען די אידישע העלדען
פארשפּרייט
אוואו ביסטו מיין טאַטע, מיין פּאָטער מיין גוטער
די טויבען ניט געקאָרמעט, די שעפסען ניט
געפיטערט
מיין מוטער האָבען נאַצישע פערד צוטראָטען
ארום איך פלויט האָב איך זי פערשאָטען.

ווייל זי האָט מיך מיט אירע פליִיצעס פארשטעלט
איך זאָל קענען אנטלויפען, זיך בעהאלטען אין
פעלד.
פון פעלד בין איך באלד אין געטאָ גאָס געלאָפען
זיך געוואלגערט אין גריבער אונטער שטיינער
געשלאָפען.
ניט געקענט האָב איך אויסרעכענען די צאָל פון
די שקלאפען
וועלכע האָבען פון זיך פיל גייסטער באשאפען.
די גייסטער ווי שאָטענס אין געטאָס געטראָפען
די אידישע העלדען צום אויפשטאנד גערופען
געזעהן האָט מען קיטעסוויים גייסטער אין
שאָטענס זיך שפאנען
געהערט דורך די באלקענס, געזעהן דורך די
פלאמען.
זיך געטריבען מיט ווינטען, געריסען די שטיינער
און ווינטען בלאָזען מיט שטויב פון די ביינער
שלאָפט ניט איך איבערגעבליבענע העלדען,
איך וועכטער
צי קענט איר אונז הערען, די גייסטער פון אייי־
ערע טעכטער.
מיר קומען פון אלע עקען וועלטן דורך די קברים
שטיינער שפאלטען
מיט א וויינענדען געזאנג, און א ווינטער ווינטען
קלאנג
פון די אַלע גאַסען שליחות אין א שנייי פיגורען
וויכערס
פון די אויסגעהאקטע וועלדער, פון דער מדבר
פוסטע פעלדער.

פון די טייכען לעבער ימים קלייבען מיר זיך
אויף צוזאמען
פון די אַלע גייסטער שאָטענס ווערען אָנגעפילט
די געטאָס
יעדערער פון איין אנאנדער פאָרם, אין איין גע־
וואלד גשריי און ליארם
געהילכט אין איטליכעס אויער, פערטויבט די
בערג אין טויער.
פארטויבט די וועגען גאסען, פון אלע מארטירער
גראמאסען
פון אלע קוואלען טרייבען, טויטע הרוגים ווי די
טויבען.
צודרג'עט און פארשלאָסען
צובלוטיגט און דערשאָסען
צוטראָטענע, געשענטע
געפייניגט און פאַרברענטע.
פארקריפעלט און צודריקט
פערגוואלדיקטע דערשטיקט
פאַרצווייפעלטע געפאנגען
דערוואָרגען און געהאנגען.
נאקעטע פארסמ׳ט
פארברענט און אָפגעראמט
אָפגעהאקט די קעפּ
געוואָרפען פון די טרעפּ.

אויך פינף קינדער אין איין שליטען
מיט די צינגער אויסגעשניטען
געזעהן האָב איך מיט מיינע אויגען
ווי די נשמה'לאך זיינען געפלויגען
און האָבען געפונען זיך פאַר נויטיג
צום אויפשטאַנד ניט פארשפעטיגט.
געהילכט אין איטליכעס אויער
פאַרטויבט די בערג און טויער
מיט איין געוואַלד געשריי געזאַנג
אין איין שרעקליך ווינטען קלאַנג.
אויך די ערד האָט זיך פאַרשוואָרען
אין איר אייביגען זכרון
פון די נאַצים ראַבע נעמען
נאָר מיט פייער זיי פארברענען.
פייער פלאַמען גרינע זיילען
זאָל זיי גרייכען ווייט פאַר מיילען
טיעענטי און באַזשוקעס
וועט אויסראַמען די האַרזשוקעס.
און די גייסטער אין די שויבען
וועלען זינגען מיט די טויבען.
מיט איין פרייליכען געזאַנג
אין איין זונען זומער קלאַנג
אז פאר יעדערענס נשמה
צו דערלעבען די נקמה.

דער היינטיגער בית המקדש

ווילדע ווינטען קלינגען
אין אַ פוסטען קלאַנג
דרייען זיך און זינגען
אין א וואַלד געזאַנג.

פרירען איין די קוואַלען
ציט ארויף דעם רויך
סנאָפּעס שנייען פאַלען
ערגעץ פון דער הויך.

זילבער ווייסע שפּינען
שפּרייטען זיך אין וואַלד
דורכן ווינט צו רינען
אין שניי מענטשען געשטאַלט.

העכער הויך אין הימלען
וואו די זונען שווילען
הערט מען מוזיק טרימלען
און כלי זמר שפּילען.

ווערט די ערד פאַרוויקעלט
אין איין ווייסען קיטעל
זעט מען אין דער מדבר
פון שניי, א וואַסער מיטעל.

שנייען טוען גלעטען
באַשמירט די הרודעסליים
ווייסע שניי סקילעטען
ארום א הויכען בוים.

וואגלען זיך און בעטען
די זינד זאָל גאָט פאַרגעבען
צווישען די סקילעטען
האָב איך דערקענט דעם רבין.

א הוט פון ווייסע האָזען
זילבער באָרד און פאות
האלט אין שופר בלאָזען
זאָגענדיג די תקיעות.

ארום אים תלמידים
אין ווייס קלאָרע טליתים
אין דעם רבינ׳ס חסידים
אין האָגעלשניי מלבושים.

צו דעם כהן גדול
קומען אָן, שניי מענטשען
קיטעם דורכן האָגעל
אַז ער זאָל זיי בענטשען

א מתנה ווייסע טויבען
דורך די צווייגען דרינגען
העלפען די תלמידים
ברינקעווען און זינגען

ווילדע ווינטען ברומען
קלינגען אין די שויבען.
מיט הימעל קלאנג אין איינעם
זינגען מיט די טויבען

פארוואנדעלט אין די תקיעות
שפילגעצייגען פול
פון מדבר א בית המקדש
און אין דעם וואלד א שוהל.

דער שפּין מיט דער פליגעלע

שלאָג זיך קליינע פליגעלע,
מיט דעם שפּין פון שטיב
פון דיין קליינע וויגעלע
ביז אין אַלטען גריב.

דו זינגסט אַ ליד און פליסט און פליסט
ארום דעם שפּינען שטאָם
ער זאָגט אז פליען איז גאָרנישט
נאַרישקייטען באם.

ער קיצעלט דיך מיט קריג און לאך
און טוט א צופּ, אַ ריס
ער שלאָגט דיך אָפּ די פליגעלאך
ביז דו בלייבסט אָן פיס.

ער טרייבט דיך פון די טרעפּ אראָפּ
און טרייבט צוריק ארויף
ער כאפּט אין מיטען דיך ביים קאָפּ
און פרעסט אין גאנצען אויף.

וואָס געוואָלט האָט ער געקראָגען
דער גרויסער שפּין פארשוין
ער האָט ניט מער קיין זאַך צו זאָגען
און רעדט צו זיך אליין.

אַליין צו זיין איז ביטער פאָרט
די קיך איז פול מיט רויך
ער בויט א קבר פאַר אים דאָרט,
און הייגנט זיך אין דער הויך.

צי דען

צי דען וועט די צוקונפט אויף אייביג אויסמיידען
דאָס אומגליק פון שקלאַפּעשען יאָך
צי דען וועלען שקלאַפן נישט מער קיינמאָל
ליידען
און קענען פאַרגעסען דעם בראָך.
צי דען וועלען זונען דעם פנים אָפּדעקען
ניט מער זיך פאַר וואָלקענס צו שעמען
און מיט ברענענדע בליקען די שונאים אָפּמע־
קען, מען זאָל זיי קיינמאָל ניט דערקענען.
צי דען וועלען ימים די שטאָל ארוים שפּייען
זיך אין גאָלדענע הארפען פארפירען
און בויען דעם בית המקדש דעם נייעם
מען זאָל אים קיינמאָל ניט פארלירען.
צי דען וועט דאָס וואסער פון פלאָזשקען
און קילען שטראָמען און שפּילען
צו קענען זיך איינהאלטען פלאך
פון טאנצען און וויגען פון זידלען און קריגען
און קענען אָנמעלדען די שפּראך.
צערינען וועט דאָס וואסער פון פלאָזשקען
אויסשניצען דעם קינסטליכען בעכער
און די די לאַווע אין קריטער וועט אין קוואל
זיך צו בריען
צודעקען די צופולווערטע דעכער.
צי דען וועלען מלאכים זייערע פליגלען פאר־
שפּרייטען
באשיצען די אידען פון שטראָף
און מיט זייערע קרעפטען די נאַצים צו טויטען
ווייל זיי האָבען פארדינט אזא סוף.

ביי די שטיינער און די גריבער

אין דער לאַנד פון הענט נאסילקעס
דורך די הייזלעך פולוער חורבות
א נייע וועלט פון בלויז מאהילקעס
וואו מתים פירען אוים מאניעווערס.

אין די פריזאָנס גלעקער קלינגען
גאַסען געהער צו פאַרטרייבען
ווען באַרבאַרען פליען זינגען
זוכען ערטער ווי צו רויבען.

טריינען, בריקען באָמבאַרדירען
און צוקאָכט אויף אַש די שטיינער
אייזען שטאָלענע מונדזשירען
ביז עס בלייבט פון זיי קיין איינער.

אין אַ ווינקעל אונטער א דאך וואָס צושמעטערט
האָט א פרוי מיט נסים וואונדער
אויף די קני איר גאָט געבעטען
צו באַשיצען אירע קינדער.

מיט איר פלייצע אויסגעבויגען
אָנגעהאנגען איבער וויגעל
שרעק, רחמנות אין די אויגען
ווי א מלאך מיט זיינע פליגעל.

פון איר בעט די קראנקע לאה
און א צווילינג אין די אָרימס
מיטגענומען דעם קינדס רפואה
אויך א פלעשעל וואַרימס.

וואוהין צו לויפען זיך בעהאַלטען
אין דעם פינסטערען קעלער קאַלטען
ביז די רויבער וועלען זיגען
וועט זי אין דעם קעלער ליגען.

ציען זיך די שטונדען ביטער
אין איר האַרצען צווייפעל, ציטער
דאָך טרייסט זי איר קראנקע לאה
צו די ליפען די רפואה.

ביי די שטיגען אין די גריבער
ביז דער חורבן וועט אריבער
ליגט זי לעבעדיג באגראָבען
ווער וועט זיין דער היינטיגער קרבן?

אפשר וועט די גרוב פארשיטען
זי וועט ניט מער זיך דארפען היטען
וואָס פערשאָטען איז פאַרלוירען
דער וועלט א טרחה צו פארשפאָרען.

ווידער הערט זי ברעכען טרייגען
ווען פארלאָשען ווערט די שטערען
זי וואָלט נאָך וועלען זיי באווײנען
אויסגעטריקענט איז די טרערען.

נאָר איין זאך ליגט איר אין זינען
פאַר דער קראנקער מילך צו קריגען
פון האַרמאטען העט באַגינען
פאלט א קויל אראָפּ די שטיגען.

איך ווער ניט דערטרונקען

אין דער צייט וואָס איר האָט מיך פערלאָזען
גען איך ארום ווי א תם
דער קלענסטער ווינט האָט מיך פארבלאָזען
די זון ליבט מיך אויך ניט מסתם.

אין מאכטלאָזען תהום טהו איך זינקען
פון פאַלען אין זומפּ ווילדען טאָפּ
איך טרינק זיך און ווער ניט דערטרונקען
ווייל א שטריק שלעפּט ארוים מיך ביים קאָפּ.

עס ריידען צו מיר אָפּט די שכנים
מיט טרערען מיט שטאָלץ און מיט שרעק
אַז זיי זיינען שטאָלץ נאָר מיט איינעם
און ביי מיר זיינען דריי שוין אוועק.

איבעראל מוזען מיר זיך נאָך קליגען
ווי מלחמה פערשטאַרקען, פאַרמערען
דורכן כלל וואָס מיר מוטערס טהוען קריגען
פאר יעדער קינד א פּאפּירענעם שטערען.

מיין שאָטען

רייצענד פאקעל פארבען
איך זעה אין דיר מיין טרוים
אין די אלטע קרבן
פון א יונגע בלום.

פאַרב מיך פאַר דער שענסטער
אין איין קליין געשטאלט
דריי זיך אין מיין פענסטער
איך דערקען דיך באַלד.

כאָטשע געווען אומוויסענד
פון גרעסטען פיין און צער
גלעט זיך פאַר מיין קישען
ארום דעם אלטען נאר.

פארב זיך טרוימען טוגענד
פון דעם זעלבען בלוט
קום צוריק מיין יוגענט
בלויז אויף איין מינוט.

די נאַרישקייט גילט

קיין נאַר בין איך קיינמאָל געוועזן
א קלוגע צו זאָגן איז שווער
דער חכם וועט אימער פאַרגעסן
נאָר נאַרישקייט גילט יעצט נאָך מער.

געפעלט האָט מיר איין חבר אין לעבן
פאַר געלט ניט געקענט איין הערץ קריגן.
די נאַטור האָט מיר אזוינס ניט געגעבן
וואָס העלפט מיר די חכמה מיין קליגן.

איך געדיינק, איך געדיינק דאָך מיין מאמע
פלעגט ריידען צו מיר אזוי ברייט
מיין קינד ביזט א קלוגע מסתמא
זעה היט זיך מיין טאָכטער פון נויט.

איך קען דיך מיט גליק ניט פערזאָרגען
דער מאַמעס גאָב איז ניט אַזוי פיל
איך וויים ניט וואָס קען גאָר זיין מאָרגען
און הוירעט איז קיין שפאס, און קיין שפיל.

קיין נאַר בין איך קיינמאָל געוועזן
א קלוגע צו זאָגן איז שווער
דער חכם וועט אימער פארגעסן
נאָר נארישקייט גילט, יעצט נאָך מער.

א טורם

אַ טורם איז די וועלט
מיט קלעטערנעס א סך
איבער הויכען בארג
זעט מען נאָר א טייך.

צו קלעטערען דאָס ווייס
יעדער פיצעל קינד
ווען איך קוק אראָפּ
זע איך נאָר א זינד.

די מילב פון בלוטען פּעסט
אויף דעם ווייטסטען אָרט
בויט פאַר זיך א נעסט
און קלייבט ערנערונג דאָרט.

די שפּין טוט זיך באַנוצען
ראַנגעלט זיך אָן א סוף
ווען ער טוט איר שוין באַזיצען
נאָכדעם פרעסט זי אים אויף.

אין טייכעל שווימען הענטלאַך
ווייסע טויבען פיל
דער לעבען איז אומפאַרשטענדליך
אָן חרפּה, ווען זי וויל

זיי טוקען זיך און קושען זיך
מיט די שנאָבלען היים געשווינט
ווען איך קוק אראָפּ פון בארג,
זע איך נאָר א זינד.

דאָס ערגסטע איז די בעסטע

אין יעדער דיקע שווארצע כמארע
שיינט א פאס פון זילבער
אין יעדער שלעכטע פאמיליע
געפינט זיך א קינד א ליבער.

אין יעדער בלאָטע שימעל פעכען
שפיגעלט אָפ די לבנה
אין יעדער קראנקע הארץ און שוואכע
קריגט איין פונק נחמה.

יעדער ווערעמדיקען ארבעס
קלייבט א האנט וואָס שטרייכעלט
פון יעדער גראָז וואָס סם המות
שפראָצט א בלום וואָס שמייכעלט.

א בנין פאר דריי

אויף דעם ערליכען בארג פון לבנה
די שטראלען, דער וועלטס ליכט מתנה
ווי פארבען און בלומען
נאָר דריי אין מזומן
אויף דעם ערליכען בארג פון לבנה.

אויף דעם ערליכען בארג פון די שטערען
ווייט פון שונאים און טרערען
גיב מיר א בנין
נאָר דרייען דעראינען
אויף דעם ערליכען בארג פון די שטערען.

אַזאַ בנינ'דיל דארף מען פארדינען
דעם ערליכען בארג צו געפינען
אויף אימער און אייביג
וואָס מעגליך איז גלויביג
און א תורה אויף ניי פאר זיך שפינען.

די גאָלדענע האַרץ

מערי האָט איין האַרץ פון גאָלד
און א געזונטע קאָפּ צו דענקען
קיינע בחורים האָט זי ניט האָלט
אָבער נאָך ליבע טוט זי בעינקען.

דער שדכן האָט א שווערען דזשאָב
צו ברייגנען איר חתנים
יעדער טאָג אין טירעל קלאָפּ
און בלייבען ווי נאַראָנים.

פארליבט האָט זי זיך אין אַ פּרינץ
וואָס ער ווייס גאָר ניט דערפון
שעפּט די ליבע פון אַ מינץ
און נחת פון א ספּון.

אָרים

די וועלט איז ברייט און זאַט
און אין מיין האַרצען איז פּוסט
איך האָב קיין פריינד געהאַט
פון פריינדליכקייט געוואוסט.

איך וואָלט געוועזען רייך
געהן ארום דער וועלט
און איינעם דאָ פון אייך
אָפּקויפען מיט געלט.

די אונטער־ערד געוועלבען
וואו אוצרות ליגט פאַרשפּרייט
קויפט מען אָפּ א לעבען
און מען קויפט זיך אויס פון טויט.

אָבער איך בין דאָך גאנץ אָרים
אָבוואָל עס איז ניט קיין שאַנדע
אָן בעטעל איין נדבה
ביי איין בעטלער באנדע.

מיט מיין ארמוט זיך געטראָגען
אלע מאָל אזוי ווי היינט
אפשר קענט איר מיר נאָר זאָגען
וואו מען קריגט אָן געלט איין פריינד.

די שוואַרצע בינען

האָב איך מיר פיל טויבען
וואָס ברומקעווען און וואָס האמען
מיט די ווייסע הויבען
און שיינע רויטע קאמען.

זיי וואָלטען ביים ברעג טייכעל
אהיים זיך קענען מאכען
און האָבען אָבער מורא
פאַר יאשצירקעס וואָס לאַכען.

אַלערליי האַווייעס
הערט מען ווען זיי שווימען
היט איך זיי פון חיות
און פון די שוואַרצע בינען.

זיי זיינען בינען שוואַרצע
און ווילען זיך נאָך פלייסען
פאַרדעקען זייער פאָרציע
טהוען קאטען רייסען

ארום דעם ווייסען פאָרהאנג
געהן זיך קלייבען
ברייגען אָפטמאָל האָניג
און ווילען דאָ פארבלייבען.

זיינען אויך די בינען
דורכאויס אין גאנצען געגינט
ארבייטען און דינען
ליבען ווען עס רעגענט.

ליבען זיי א פויגעל
ניט מער ווי יענע טייבעל
קוקען מיט איין אויגעל
אונטער ווייסען הייביל.

עס וואָלט זיי נאָר אָפּגליקען
זיי זאָלען קענען דינגען
די טויבען צו דערשטיקען
איינציגווייס דערשלינגען.

מיין דאַך

עס ווערען די זוימען, פון פעלד שוין צוריבען
אין פּאַק, פון איר ליבע געשטערט
עס ווערען די שוואָימען, אין וואָג ריין געקליבען
פון פרייהייט און לעבען פאַרווערט.

פריי איז געוואַקסען, איין בלום אויף מיין הויף
פאַר וועלכער, איך האָב זיך, מיט וואונדער געבוקט
דערביי איז געוואַקסען א בוים לעבען דאַך
אויף וועלכע איך האָב מיט פעראַכטונג געקוקט.

די שיינענדי קוויטעלע, וואָס דופטיג און מילד
איז געוואָרען פאַרפוילט, ניט געבליבען קיין פּראַך
די קרומע בוים, וואָס שפּיציג און ווילד
האָט אונטערגעהאַלטען מיין צובראָכענעם דאַך.

ווען מען טהוט די זוימען פּעקען
דערמאָנט עס מיך אַליין
אָן דער בוים דעם דאַרען שטעקען
און אין מיין אלטער היים.

װער עס בױט און װער עס װױנט

װאונדער זײַנען יענע
װעלכע קענען ניט פֿאַרהײלען
שולדען װעלכע נעמען
װעלען קײנמאָל ניט דערצײלען.

אײנער װיל אַ גרױסען נאָמען
װער װײס צי איז ער װערט
פֿלוצים מען מאַכט אים צו די קראָמען
און עס דרײט דאָס ראָד פֿאַרקערט.

דער צװײטער מאַכט אַ טעות
עס איז זײַן אײגענע שולד
בױט אַ גרױסען פּאַלאַסט
און שטרײַנגט זײַן זעלבסט געדולד.

צעפֿאַלען זײַנע קרעפֿטען
און עס בלײַבט דאָס פּאַלאַץ גוטצען
פֿאַר פֿרעמדע אומבעקאַנטע
ברײַנגט עס פֿילע נוצען.

װער עס האָט אַמאָל געבױט
און װער עס װױנט דאָרט הײַנט
װער עס האָט ניט לאַנג געזײַט
אַ צװײטער יעצט װאָס שנײַט.

אויף יענער זייט

אויף יענער זייט ים
וואו עס גייט אויף די זון
לעבען מיין שוועל אַ קליין שטיבעלע
דאָרטען האָב איך באגראָבען מסתמא
די גילדענע פאָנע
צוזאמען מיט מיין ליבעלע.
פון שטויב א בארג מיט גראָז באוואקסען
עס ארט מיך ניט די פעלדער פלאקסען
עס ארט מיך ניט די שאָטענס יענע
ניט דער מאָטקע, מיכעל, בענע
עס ארט מיך ניט די זאָנגען שיין
און ניט די שנעלע שפּאָרען טראָטען
עס אַרט מיך ניט דער אלטער וויין
און ניט די ליבע וואָס לאנג פארבאָטען.
נאָר איין זאך טוט מיין הארץ בארירען
די שיינע גילדענע פאָנע
געקענט האָב איך מיט איר שטאָלצירען
ווי עס פאסט פאר א נאָנע.

דאָס געבעט

דו געדענקסט דאָך מיין בורע
ווען דו האָסט אונז פאַרשפּרייט
האָסטו דיינע וואונדער און נסים באוויזען
דיין טאָכטער צפורה
איז אויך יעצט אין א נויט.
גיב אָן דעם כוס פון דעם וויין פון דעם זיסען.
דו האָסט אונז באשאפען
יעדערען אין דיין פאָרם
אין אַ געשטאַלט ווי דו אַליין
דערנאָך צו די שקלאפען
געשיינקט זיי די פרורים
געלעגען אויף בערג ווי פון שטיין.
און דען פאר רחמנות
איבער בערג, איבער ציגעל
איין אטאָם, אין אונדז אריינגעבלאָזען
געטראָגען נשמות
אונטער דיין פליגעל
און אונדז לעבעדיג געלאָזען
אין דיינע פיל טובות
האָבען מיר זיך געבאָדען

ניט אין א שטאנד צו באראנקען
פאַר דיינע געגאָרען.
מיין ליד האָב איך געצווינגען
דיין פאָלק ישראל צו באשיינען
פוילען ביי דיר מיט זינגען
און ניט מיט וויינען.

דער שמש

דער גבאי ראשון פון דער גרויסער שול
האָט זיך משדך געווען מיטן שמש
כאָטש דער שמש איז געווען א גרויסער שיכור
כדי מען זאָל דעם גבאי ניט ארויסוואַרפן פון
גבאות
נאָר דאָס איז געווען דער איקער.
דער שמש האָט פארלאנגט א נדן פאר זיין
זינדעל
און האָט אויסגעטראכט אויפן גבאי, געמאכט
אויף אים א שווינדעל.
ער האָט אָפגערעדט די בעלי בתים
ווער ווייסט וואָס עס איז פאַרלאָפן
וואָס מיט דעם גבאי דעם לײדאק האָט זיך
געטראָפן
ביז אין איין שענעם פרימאָרגן, האָבן די
בעלי בתים
אים פון שול ארויסגעוואָרפן
דער שמש מיטן וויים פּרעזידענט
האָבן זיך זיכער ן עטליכע גלעזלאך בראָנפען
געטאָן וועטען
אז דער מחותן, וועט אים ניט ברייגען דאָס
געלט
און ער וועט אים ניט קומען בעטען, וועט
ער גיין
נאָך היינט די יונגע פּאָר פאַלק צו ג ט׳ן.
ער האָט אויסגעטראכט אויף דעם ווייבעל
איין אנדער מין שווינדעל
און ער איז געגאנגען דערציילן זיין זינדעל.

ער איז געווען זייער שיכור
און האָט ניט געקענט גיין מיטן גלייכען וועג
איז ער געקראָכען ארום די ווענט און ביים ברעג
אין גאנצען אויפן שידוך האָט ער געהאט חרטה
און מיט דער אויפגעשפּילטער קאפּאָטע
האָט ער זיך פארדושעפּעט און איז געפאַלען
אין א בלאָטע.
ארום אים א היפשע ביסעל פליגען
און זינגענדיג דעם רבבינס ניגון
איז ער איינגעשלאָפען
און איז געבליבען דאָרטען ליגען.
דאָס איז לייוויק דער בטלן, האָבען קינדער אים
דערקענט
קינדער פון דער גאנצער שטאָט עקען
זיינען אוועק זאָגען זיין טאָכטער
זי זאָל אים גיין אויפוועקען.
און כדי ער זאָל זיך ניט דערשרעקען
איז געקומען א הונד, און האָט אים אָנגעהויבען
לעקען
נאָך האָט גערעדט פונקט אַזוי אָט דער בטלן
צום הונד
דענקענדיג אז עס איז דער גבאי
אַז לייוויק דער בטלן זאָל אזוי לעבען
ווי דו וועסט אין שול ניט אריין
לעק מיך ניט לעק מיך, וועסט קיין גבאי ניט
זיין.

ער ווייס, זי ניט

עס ברענט א קליינע ליכט
ביים ווארשטאט אויף א שטול
איך האַלט אין האנט א שיך
אַ האמער און קאפיל.

די אַרבעט איז מיר שפּאָרעוודיג
איך ווייס ניט וואָס איך טהו
איך קוק אין פענסטער חבר׳דיג
און זוך מיר ווענען וואו.

איך בין אליין א שיסטער יונג
ביי דער שיסטעריי
איך שפּיל א ליבע אויפן וואונק
זי גייט גאנץ אָפט פאַרביי.

זי גייט מיט איר געלעכטער
און ווייס קיין זאך פון מיר
זי איז דעם ביינקערס טאָכטער
קיין גלייכען ניט צו איר.

אַ מיליאָן שטערען פלאַטערען
פון וואָלקען אין געפאר
מיינע טרערען ציטערען
פון רעגען וואסער מער.

פראָסט אין אקראָבאט

דו פליענדער קרבן
דיין טורים איז הויך
ארויף צו דעם הימעל
די וויגעל דערגרייך.

דו ווארפסט זיך אין הושקע
און טאנצט אויף איין שטריק
פאר דיר איז דער גאלגעל
גאָר גלייך ווי א בריק.

פארכשופטער אָרדערינג
אַ שפּילצייג פאר גוט
אומגליקליכע פאָדערינג
געמישט אין דיין בלוט.

קריכסט דורכן שטייגער
אין הושקע א שפּאלט
און פאַלסט ווי א פייגער
צו ניט ווערען אלט.

עס האָט דיר א צייט
דיין שטראָגעל גענומען
אהין ניט דערגעהן
און צוריק אויך ניט קומען.

דיין ארבעט איז אומבאַדערפטיג
פאַר דערוועלט ניט אקוראט
צי א פליענדער קרבן
צי פראָסט אײן אקראָבאט.

אויב ברויט איז דיין שטרעבען
אײן וואַרער געפיל
איז טויט פאַר דיין לעבען
א בעסערער ציל.

דער בעל שם

דער אַלטער רבי סענדער
איז פרייטאָג פאַרטאָג אויפגעשטאַנען
און האָט זיך געלאָזען גיין, אין ווײַנהויז אַרײַן
פאַר זײַנע פרומע אידען, וואָס מאַכען קידוש
און הבדלה.
האָט ער געקויפט צוואַנציג קוואָרט ווײַן
א גאַנצען טאָג פרייטאָג, פלעגט ער דעם ווײַן
צעטראָגען
מיט דערמיט פלעגט ער מאַכען זײַן לעבען
און א גאַנצענע וואָך, פלעגט ער אויפמאָנען די
חובות.
זיך פרייען פון דער פרנסה, וואָס גאָט האָט אים
געגעבען
טראָגענדיג דעם פלאַש מיט דעם ווײַן דעם
שווערען
פלעגט ער זיך אָפּשטעלען אין אַלע שוועלען.
און טאָן א שמעק טאַביק, און ווידער אין גאַס
זיך אומקערען
דעם ערשטען גוט מאָרגען מיט דעם ווײַן
האָט ער געוואָלט אַרײַנברײַנגען
צו רבי חיימען אין געצעלט.
און עפּענענדיג די טיר פון הויז
האָט ער דעם ווײַן אין גאַס אויף דעם פענסטער
געשטעלט
א קאַלטער שווייס, האָט אויף רבי סענדערס
פנים געווירקט
צוזעהענדיג די סצענע, וואָס עס האָט פּאַסירט
געשפּרונגען איז די פלאַש מיט דעם ווײַן פון
דעם פענסטער
געקלונגען ווי טויזענט גלעקלאַך
און אויסגעגאָסען האָט זיך דער ווײַן
און די פלאַש צעבראָכען אויף ברעקלאַך.

דער אָרימער סענדער האָט קיין סך ניט געוואָרט
און איז באַלד צום בעל שם געלאָפען
און דער בעל שם האָט פערשטאַנען
וואָס עס האָט געטראָפען.
סענדער האָט ניט געהאַט קיין געלט
פאַר וואָס אַנדער ווייַן צו קויפען, האָט ער גע־
האַט מורא
אַז די אידען וועלען ניט האָבען איבער וואָס קיין
קידוש צו מאַכען
וועט פאַלען אויף אים די עבירה.
דער בעל שם האָט אים אַנדער געלט געגעבען
און אויסגעהערט יעדער וואָרט
און האָט אַריינגערופען די בריאה געשטאַלט
וואָס איז באַגאַנגען דעם טאַט.
גערעדט האָט דער בעל שם צו דער בריאה מיט
פערדראָס
פאַרוואָס האָסטו דעם אָרימען מאַן דעם ווייַן
אויסגעגאָסען
האָט עס דיר עמיצער געהייסען טאָן
אָדער דיר אַליין האָט עס געפעלט
א שוואַכע שטימע האָט געענטפערט:
ער האָט דעם ווייַן אויף מיינע אויגען געשטעלט
דער בעל שם האָט באַפוילען, אַז די דאָזיגע
בריאה
זאָל מער צווישען מענשען ניט גייַן.
און ער האָט צו עמיצען גערעדט,
און סענדער האָט קיין זאַך ניט געזעהן
נאָר ער האָט געהערט די טריט, אַז די בריאה איז
אַוועק
און האָט אויסגעבראָכען אין א געוויין.

שטראָף מיך ניט

געהאַט האָב איך קינדער צומיך איבערלעבען
אַזוי איז נאַטירליך באַשטימט און באַשטעלט
ווי קען איך פאַרקערט אויף די זינד מיר פאַרגע־
בען אז די שענסטע און בעסטע מיר פעלט.

צי בין איך אומטרעפליך, צי בין איך פון זינען
וואָס עס שרעקט מיך דער פייניג פון שווערד
צי האָט אויף די זינד, מיין תשובה געוואונען
פיל נסים, וואָס איך האָב ניט דערווערט.

איך טראָג אין מיין אקסעל א שוימע פון ציון
אויך אין מיין מארך אונטער די ברעמען
אַז מען מוז דאָך גאנץ אלט ווערען, אויסוואקסען
בליען
פאַר דעם הייליגען אָרט צו פאַרנעמען.

שטראָף מיך ניט גאָטעניו מיט איין שטראָף,
מיט א ביטערען
מיט א קינדערשען שטערבליכען טרויער
איך וויל ניט די געלט זאַכען, אויך ניט דאָס
ציטערען
אויב שטאַרבען, וויל איך פון זיי פריער.

די זעלבע מאָס

וואַסער איז אָן ביינער
און שטעלט זיך אָפּט אין האַלדז
שייערט אויס די ציינער
מיט בעקען סאָדע זאַלץ.

טריקענט אויס די שפּאַלען
און די האָלץ די שלייע
קומען צו די קוואַלען
און די ברונען נייע.

קיין וואַסער ווערט פאַרלוירען
איין טראָפּען צי איין טרער
ווי ס׳איז פאַרפראָרען
פּלאַצט דער שטראָם וואָס מער.

פאַר די מעדיצינען
וואַסער גרעסטע צאָל
שלינגט אראָפּ די בינע
טרינקט עס מיט איינמאָל.

טרינקט עס מיט א לעפעל
אָדער גאַר אָן א פאַרוואָס
בלייבען וועט אין שעפיל.
פונקט די זעלבע מאָס.

קלאָרע וואסער הייסט אין לאַטיין
אקוואי דעסטיליאטי
קען א יונגער דאָקטאָר
לייגען אויפן שוך א לאטע.

וואסער איז אָן ביינער
מיט וואָלקען ווערט צופלויגען
אין יעדער הויז אין ריינער
ברייננט א רעגענבויגען.

וזער

גערשט האָט דורך שטילקייט,
א טומעל אין שאָטען
עמיצער וויינט אין דעם אלטען גאָרטען
מען הערט אים וויינען
מען הערט אים קלאָגען
ווער איז ער, ווער איז ווער
איך זאָלט מיר זאָגען.

עס וויינט און קלאָגט אַן אלטער קעניג
עס דאגה'ט און זאָרגט אַן אלטער פאָטער
פון טויזענט קנעכט, האָט ער נישט קיינעם
ווער וועט זיין זינדיגען גוף
נאָך זיין טויט באַוויינען.

רופט זיך אָפּ דער ווינט וואָס וועט אים
באַשיינען
דאגה ניט אַלטער פאָטער, וויין ניט אלטער
קעניג
איך וועל דיין זינדיגען גוף, נאָך דיין טויט באַ-
וויינען.

רופט זיך אָפּ דער רעגען דער נאַסער
זאָרג ניט אלטער קעניג, קלאָג ניט אלטער
פאָטער
איך וועל דיין זינדיגען גוף, נאָך דיין טויט אָפּ-
וואַשען.
רופען זיך אָפּ די בלעטלאך וואָס שמעקען
רוהיג אלטער פאָטער, רוהיג אלטער קעניג
מיר וועלען דיין זינדיגען גוף נאָך דיין טויט צו-
דעקען.

א פרעמדער

איך גיי מיר ארוים אליין ביי דער נאכט אויף די
וועגן
איך בלאָנזשע און וויים,
אז איך האָב ניט ביי וועמען צו פרעגנו
דאָך האַלט איך מיין פעקעל.
מיט מיינע הענט אויף די קני און פערבראָכען
ביים זייט מיט מיין שטעקעל
ווייל דורך אים בין איך אַזוי ווייט פערקראָכען.
טומאן און פינסטערניש ארום און ארום דורכ־
אוים שווארץ.
וואוהין זיך צו קערען ערשט, פרעג איך מיין הארץ
מיין האַרץ איז פאַרצווייפעלט
אויף מיין שטערען א שוויס גאָר א פייכטען
דער קליינער פייער וויל דעם טומאן גאָר ניט
לייכטען.
אנטקעגען מיין נאָז מיינע ברילען טווינקעלט א
באָטען און בוקט זיך
שרינקט איין דער פייער, ווערט קלענער דער
שאָטען און טוקט זיך.
איך זע מיין געשטאַלט א בילד פון מיין באָרד,
מיינע פאות
הילכט אָפּ דער וואַלד שוידער העפטליך און
מיאוס
די וועלט איז אַזוי גרוים פארוויקעלט אין א
שווארצע קלייד שלייער
איך שלעפּ איז א קרויז, פון טומאן זעט אוים ווי
א ווייער
די ערד איז אזוי ברייט, און פיל באטרעפט דאָ
אַ פרעמדער
ווי דער קלענסטער פערזאָן, געפינט זיך
אין ווילד גרויסע העמדער
נעם איך מיין פידעל און שפּיל מיר א ליד גאַנץ
אַליין
שוין צייט פאַר דיר אידעל, פון דער פינסטער
מיט דיין פעקעל צו גיין.

מלאכה איז מלוכה

ווען עס וואַקסט נאָר אויס דער קאָרן
דערויף בין איך געוועז אַ מבין
און דער שנייַ ווערט נייַ געבאָרען
פלעג איך ליגען אויפֿן אויווען.

איך פלעג די פּראַשניטשע פּערוואַרפּען
און אויפֿן קאַריקעל זיך דרייען
אַרבעטען זאָלען די שקלאַפּען
צו וואָס זאָל איך מיין קאָפּ פאַרדרייען.

איך פלעג היטען דעם אָפּעריטאָר
כאָטש איך האָב געהאַט אים פייַנט
אַז אַרבעטען זאָל נאָר אַ צווייטער
און איך וועל זוכען זיך אַ פרייַנט.

טאָ נייַזשע באַשע מיר אַ קליידעל
פון די נייַעסטע מאָדעס שייַן
דו וועסט באַקליידען יעדער מיידעל
איבערהויפּט פאַר זיך אַליין.

וואָזשע פּוילסטו זיך, זאָג מיר באַשע
נעם זיך אָן מיט פולען מוט
נעם אַרויס די הענט פון טאַשע
אַרבעטען איז זייער גוט.

געה און געה

איך האָב געקויפט א שליטעלע
און איך האָב באצאָלט א פרייז
צוזאמען מיט מיין ליבינקען
שליטלען זיך אויף אייז.

פון בארג אראָפּ אריין אין טאָל
אויף בארג געה און געה
ביז דער פרילינג איז שוין דאָ
צוגאנגען איז דער שניי.

איך בין געוועזען פריילאך שיין
גליקליכער ווי רייך
צוזאמען מיט מיין ליבינקען
פלושקען זיך אין טייך.

האָב איך געקויפט א שיפעלע
פון האָלץ ווי אייזען שטאָל
צוזאמען מיט מיין ליבינקען
זיך שיפען אלע מאָל

איך בין געזעסען אויף זיין שוים
געהאט האָב איך אים האָלט
ווען ער איז געוואָרען גרוים
האָט ער מיך ניט געוואָלט.

מײן מאַמעניו האָט מיר דערצײלט
געפרעגט האָט זי מיך צי איך װײס
אַז קינדערשע ליבע איז ניט אױסדערװײלט
שטימט ניט מיט אַלט און מיט גרױס.

דערשטיקסטו קינדהײט די שמערצען
און הױבסט אָן דעם לעבען פאַרשטײן
אַ צװײטע מיט ליבע אין הערצען
װײל דו האָסט געהאַנדעלט געמײן.

די װעלט איז אַ סטײדוש מיט אַקטיאָרען
אַ פאַלשע קאָמעדיע, אַ שאָו
דו װערסט אין דײן גרים אײנגעפראָרען
ביסטו אױף דער װעלט מער נישטאָ.

מײן מאַמעניו האָט מיר דערצײלט
געפרעגט האָט זי מיך צי איך װײס
אַז קינדערשע ליבע איז ניט אױסדערװײלט
שטימט ניט מיט אַלט און גרױס.

אהיים

דער טאָג פון חשבונות
א טשאָטען פדיונות
צי א באַנקיר, צי וואָס ווער עס האָט
פאר דעם גאנצענעם לעבען
דארפסטו חשבון אָפּגעבען
נאָך אלעמען בלייבסטו באנקראָט.

אויב עס איז דיר באשערט
דאַן האָסטו די ווערט
רייך ווערען איז דיין באגער
מיט פיל רעכט באשאַפען
פאַר קנעכט און פאַר שקלאַפען
גליקליך זיין קומסטו אהער.

דיין ווייץ איז געראָטען
די שפייכלערס פארשאָטען
די תבואה געשטיגען ארויף פון מינוט
דיין געלט איז נאָך שענער
ווען גרינגער און קלענער
אויך אין דיר ווערט געמערערט דאָס בלוט.

אָבער ווען דו פליסט שוין איבער הויך
ווערסטו אלט און שוואך אויך
גליקליך זיין וויפיעל איז דער שיר
צוריק פון דעם באַרג
דער טאָג איז דיר קאַרג
ווייל די זון גייט אראָפּ פון קאָליר.

עס קוועלט דיך דיין ווײ
איין יאָר אָדער צוויי
ווי קינדערש איז דיין אלטער געוויין
ווען קורץ איז די צייט
איז דער וועג אַזוי ווייט
און פינסטער צו קומען אהיים.

געזונגען

געשפּילט מיט קליינע קינדערלאַך
אויך בין איך געווען קליין
געדרייט זיך אין אַ אקאַראַהאָד
אַרום איין עפּעל בוים.

געזונגען צו דער עפּעל בוים
ווי מענטשען זיינען פריי
געזונגען פון מיין ליבער היים
און צו מיין גאָט געטריי.

איך האָב געהאט איין מעסערעל
זיך עפּעל אָפּגעפּליקט
דערווייל די קליינע חנה׳לע
צום האַרצען זי געדריקט.

דאָך ווייס איך ניט וואָס ליבע איז
וואָס פון ליבע קומט ארויס
איז די חנה׳לע נישטאָ
האַלט איך גאָרניט אויס.

דער שטיין אין וועג

א שטיין אין מיין וועג איז געלעגען
ארום, און ארום, מיינע טריט
פֿאַרשטעלט האָט עס מיר אַלע וועגען
א שטיינענע וואנט אין דער מיט.

געקראָכען בין איך איבערן שטיין
ארויף אויף די שארפֿענדע שפיצען
צווישען ים און הימעל אליין
געמוזט האָב איך דאָרט בלייבען זיצען.

ענדליך פֿאַרבלאָנדזשעט ביים פֿאלאץ דעם
רייכען
און פֿאַר מיינע ציצית, זיך געכאפּט
אראָפּ פֿון דעם וועג דעם גלייכען
אין דער פֿינסטער, די שפּיצען געטאפּט.

אַ פֿינסטערע כמאַרע
א שעה נאָך א שעה
דאָס ליכט איז פֿערלאָשען
די נאַכט איז שוין דאָ.

עס האָט מיר דער שטן
געלאַכט און געשפּאָט
און איך האָב כסדר
איין תפילה געזאָגט.

א שטורם מיט האַגלען
רעגען איין ים
האָט מיך פאַרשליידערט
פון פעלז טיף אין זאמד.

באַלד האָט דער שטורם
דעם שטיין גאָר צושפּאָלטען
איך ווייס ניט ווי אַזוי
איך האָב זיך דערהאַלטען.

פון דעם שטיין דעם צושפּאָלטענעם
האָב איך געזען דורך די שפּאַרען
א קירכע מיט קריסטען
פיל פרינצען און האַרען.

א מחנה גלחים
פון קירכע ענטפלעקט
געזאָגט די מאליטוועס
איין פייגער געשלעפּט.

און האָבען געפּרעפּעלט
געזונגען וואָס פרום
האַרט לעבען שטיין
געדרייט זיך ארום.

ווען טאָג איז געוואָרען
לעבען א ברויז
בין איך געשטאנען
ניט ווייט פון מיין הויז.

די בייזע כאַלאַסטרע
האָט פון ברויז זיך גערירט
און האָבען מיך א גאנצע נאכט
געפירט און געפירט.

דערציילט די געשיכטע
פאר מענטשען וואָס ווייסען
באגלייט אין געריכטער
מיט א שפּיי גאָר א הייסען.

געפירט זיי אהין
אויפן פעלביגען שטעג
קיין פּאַלאַץ, קיין קרייצען
קיין שטיין אין דער וועג.

פאָרביי

עס טווינקעלט א בליצלאָמפּ פון ערגעץ וואָס
ווייט
קינדער ווי שטערען ערוואַרט איך נאָך היינט
דער מאָרגען שפּינט וואָכען אין היינטיגען נייט.
די פענסטער צובראָכען, דער טיש ניט געגרייט

עס רייסט זיך דער שטורם, וואָס טרייבט דורכן
שויב
דעם שניי אויף מיין צודעק פון האָגעל און שטויב
צי קען איך ערוואַרטען, געסט אזוי שטאָלץ.
פון בוים פון פערדאַרטען, ערשט האָב איך די
האָלץ

און לייג אָן די שפּענער אין אויוען פיל הויך
עס קורעט און ברענט ניט, דער צימעס מיט רויך
איך בין שוין קוים פארטיג ביז שפּעט ביז אין פיר
פאר געסט ווי עס פּאסט זיך מאך איך עפען די
טיר

און איך מאך אויף די אויגען
פון טרוימען געטריי
דער בליצלאָמפּ און שטערען
נאָר שפּרייזען פאָרביי.

די צובראָכענע רעדער

צווישען די הויכע גרינע בערג
אויף יענער זייט ערד קוגעל
ניט ווייט פון זאמדיגען וועג
איז געזעסען איין דייטש, צי א פראנצויז, צי
א יידעל

פון זיין גייסטליכען פילינג
פון די אַרבעט וואָס ער גייט טאָן
באַגריסט ער דעם פרילינג
מיט דער זון וואָס קומט אָן.

ער האָט זיך געקוויקט
ווי די בוימער זיך קושען
און אונטערן בריק
ווי די וואַסערען גיסען.

מענדעל דער טומלער, פלעגט ריידען זער גיך
אויב ער האָט ניט געהאט פאַר וועמען
פלעגט ער ריידען אליין צו זיך
ער איז אויפגעשטאנען גאנץ פרי פון שלאָף

און איז געפאָרען האנדלען אויפן דאָרף.
ער האָט אוועקגעפירט זייף און צוועקעס און
הערינג און זאלץ
און פערביטען
אויף בולבעס, אייער און הינער מיט שמאלץ.

פאַרענדיג אַהיים איז ער ארויף אויף א בריק
און ער האָט ניט געוואוסט די וועג צוריק
דען האָט ער באקוקט די פאקופקעס וואָס ער
האָט
און געפרעגט דעם מאַן, ווי ווייט איז צום שטאָט.

דער אַלטער האָט בעטראכט
דעם פערד און די רעדער מיט דעם וואָגען
און ער האָט זייער ווינציג געהאט וואָס צו זאָגען
דאָך גערעדט האָט דער אלטער צו מענדלען
און ער האָט געקוקט אין די הימלען.

אויב דו וועסט מיך ניט פאָלגען
וועסטו בלייבען דאָ שימלען
איך זאָג דיר, אַז דו זאָלסט פאָרען פאמעלאך
וועסטו קומען אהיים צום סדר.

און די מלכה וועט ענטפאנגען דעם מלך
האָט מענדעל דער טומלער געענטפערט אים
גלייך
איך זייט עובר בטל, איך רעדט ניט צו דער זאך.

און ער האָט פאר רחמנות
די רציחה אין הארצען פארבויגען
געשמיסען דעם פערד, מיט סכנות
ווי א רוח איז ער געפלויגען.

ווען ער איז איינגעפאָרען דריי מייל
האָבען זיך די רעדער מיטן וואָגען צובראָכען
ער איז געפאַלען אין איין בלאָטע אריין
און געלעגען איז ער דאָרטען צוויי וואָכען.

אין שטאָט האָט מען אים געזוכט
אין וואַלד האָבען זיי אים געפונען
ער איז טויט, האָט זיך זיי געדוכט
באַלד אהיים האָבען זיי אים גענומען.

ער האָט זיי אלעמען דערציילט פון דעם מאן
און געוואָלט האָבען אלע טרעפען
אז דאָס איז געווען א מכשף מן הסתם.

די זעקסטע מגילה

זייט גרייט אלע אידען
מיט גליק און מיט פרידאָם
עס איז שוין צייט אביסעלע שפּאס
וועל איך אייך פערשפּארען.
מיין קרעמעל אָפּנארען
און טאַנצען אין מיטען דער גאס.
וואויל איז דעם מענטשען
וואָס קען זיך אַליין בענטשען.
און רעכענט זיך ניט מיט זיין מלאכה
ער ווייס אז דער טאָג וועט דאָך קומען
מיט זונשיין און בלומען.
און מקוים וועט ווערען זיין ברכה
ווען ער פילט ניט צום בעסטען.
עס טרעפט אויך דעם גרעסטען
טוט ער אביסעלע תפילה.
און אַזוי על כל פנים
באגראָבט ער דעם המן
און שרייבט זיך א זעקסטע מגילה.

קום משיח קום

דער אלטער פּיפּקעט דורך די פינגער
און רעדט פון צייטען אלערליי
ערשט ניט לאנג געווען א יונגער
ערשט געבאָדען זיך אין שניי.

געבוירען איז ער אין מאָראָקאָ
שלאָפען פלעגט ער אין א שטאל
וואנדערען איז זיין חזקה
נע ונד און קאַפּיקאל.

עס איז משיח׳ס צייטען זאָגט ער
וואָס האָט געקענט מיט אים פּאַסירען
איז עס מעגליך אונדזער דאָקטאָר
זאָל זיך לאָזען אויך פאַרפירען.

קום משיח, אונדזער רעטער
ברייננ די קראנקע א רעצעפּט
קום משיח, מיין פאַרטרעטער
און באַוואונדער ווער עס לעבט.

געלאָזענע פאָרען

ווי גרין איז געוועזען מיין גאָרטען
ווען געלעבט האָט מיין פאָטער און מוטער
געמאָלקען די קיה און אויך דאָרטען
די מילך אויסגעשלאָגען אויף פוטער.

די פוטער פארקויפט מיין חוב צו באצאָלען
דאָס גייסט אין דעם געלט וואָס פערוואנדעלט
לעבען די זאנגען אויף די גרינע בערג און טאָלען
האָב איך זיך אין ליבע פערהאנדעלט.

און אין די האָניג קריגעלאך
א שטערען שטראל געטווינקעלט
פון די פייער פליגעלאך
האָט מיין געזיכט געפינקעלט.

ווען די טויבען גרין און גאָלד
אין איר נעסט ערשינען
האָט אויך מיין הארץ געוואָלט
ליבעס גליק געפינען.

❦

האָט א הארף גאנץ ווייט געשפּילט
מיט לעבען פרייד און האָפען
ווען מיין מוטער רופט מיך מילד
צייט אין הויז גיין שלאָפען.

דאָך געהייראט האָב איך באלד
גלייך זיך געלאָזען פאָרען
דורכן גאָרטען איבערן וואַלד
פארשאָען מיינע יאָרען.

דער קרומער זייגער

דער קרומער זייגער פלעגט מיך נאַרען
אויף מיין בעטעל זיך אָנשפּארען.
קרום צו זאָגען פלעגט ער הינקען
ניין, געשלאָגען צו מיר ווינקען.
צען פון בענקשאַפט זיך צולאכען
היהול העהול אין אַלע שפּראכען.
עלף זיך טרויעריג צוואווינען
וואָס מיט דעם פלעגט ער גאָר מיינען.
ביז אין צוועלף אזייגער שקריפען
און זיך ווינענדיג צעכליפען
און זיך כריפענדיג פערהוסטען
פון דעם האַרצען פון דעם פוסטען.
איינס מיט שלאָפען איך פאַרזאָרגען
צייט צו האָפען פאַרן מאָרגען.

❦

צוהילף קומט דער מענטש

דער וואַלד איז אין פייער, ניט ווייט פון דעם ים
קאַרג איז דאָס וואַסער, צו לעשען דעם פלאַם
עס שפּרינגען די חיות, אראָפּ אין דעם טייך
טיגערס און הירזשען, פערשטייען זיך גלייך.
עס שרייען די פויגלען, עס ברומט אויך דער בער
קיין שפּור פון זיין היימאַט, זעט ער ניט מער.
לויפט ער צום עלעפאַנט, צום מאַנקי און צום
הונט
און וויינט מיט רחמנות, מיט האַרציגען וואונד
די וועלט איז מיר פינסטער, וואָס טו איך אצינד
אפשר קענט איר מיר העלפען, צו געפינען מיין
קינד.
דער הונט לויפט צום בעל הבית, און פירט אים
אין וואלד
ציינט אים פאַרוואָס, זיין הילף איז נויטיג באלד.
דאָך ברייננט ער דער מוטער, דאָס קינד אויף
די הענט
מיט הילף פון מענטשען, וואָס שיר ניט פאַר־
ברענט.

די בערגעלאך

עס שווימט א שיפעלע ארום
זי שטעלט זיך אָפּ ביים ברעג
איך שפּרינג אריין און קוק זיך אום
דאַן שפּאן איך זי אין וועג.

פוןביידע זייטעןביימעלאך
און די שיפעל פליט
עלענדע יתומעלאך
צייל איך און פאַרשיט.

דערמאָנט מיך אויף די בערגעלאך
וואו מיין מאַמעניו ליגט
גיסען קליינע טרערעלאך
און אין האַרצען דריקט.

מענליד

זאָג ווי קען עס מעגליך זיין
אַז אַלע זאָלען זיך איינען
ווען אַ האַלבע וועלט קען פריילין זיין
און אַ האַלבע וועלט טוט וויינען.

ווי גוט איז דעם מענטשענס הילף
און די שיינע זון וואָס ברינט
וואָס גוט איז דער פויגעלס בריף
אַז פיל מענטשען לעזען נים.

זיצען אויפ׳ן פערטען פלאָר
לויפען פון די שטיגען
דריפטען דורכן וועלדעל גאָר
איין גלייכען צו זיך קריגען.

און לויפען פאַרביי די מענטשען פיל
פאַרביי די וואָס טאַנצען, קוועלען
און גייען צוריק פון וועלדעל שטיל
איין יאָרצייט ליכט, צו שטעלען.

ש

די סודות

עס דרייען זיך רעדער, עס קלאַפּען מאַשינען
מענטשען לויפען אַזוי ווי די בינען.
אַזוי ווי די בינען מיט הינטעשען וואַיען
און קאַרג וואָס פאַרדינען פון אַלץ וואָס זיי טוען.
קלאַפּען דעם אייזען טאָג איין, טאָג אויס
די סודות פון האַמער דאָך זאָגט ער ניט אויס.
פאַרבאָרגענע סודות אין פלאַמען פערטראָגען
עס רייסען זיך קילען די פונקען ניט זאָגען.
דאָך פרעגט זיך א פראַגע ביים אייזען דער ווייַ
עס קלאַפּט דיך דער האַמער, וואָס שרייסטו אַזוי
מיר זיינען צוויי ברידער, מיר שלאָגען זיך אַלץ
איינער איז ערליך, דער צווייטער איז פאַלש.
פאַלש איז דער האַמער, דער אייזען שרייט אויס
זיינע סודות, זיינע רעדעס, וואָס זאָגט ער ניט
אויס.
איך האָב אייך געזאָגט
יעצט זאָג איך אייך ווידער
ווי זאָל איך ניט שרייען
אַז עס שלאָגט מיך מיין ברידער.

דער שטיוועל

די ערד איז אַ קליאטשע א בלינדע
און דרייט זיך אזוי ווי א הינדעל
דערקענט ניט די דאנקבארע קינדער
צו ווישען די רויבער געזינדעל.

די צייט האָט אין איר גאָר פארגעסען
וואָס פלעגט אין איר פאָרלויף זי גלעטען
דערווייל האָט זי אלץ אויפגעפרעסען
און ווערט יעצט צושמאָלצען פון פעטען.

איר פעל איז בלויז גריבער מיט ליקעס
פון שניטען אין ברוסט אין דעם ווייכען
הארמאטען, קאנאָנען און פיקעס
וואָס קענען איר הארץ ניט דערגרייכען.

איטאליע וועלכע לאָזט איר ניט שטילען
ווייל דער שטיוועל איז ווי אַ זעג אין איר קלוב
דאָך טוט זי די הארץ אירע אויסקילען
מיט האָפענונג
אַז זי וועט אים נאָך זעהן אין א גרוב.

❦

די הייד

ווען די זון גייט אונטער
שטאַרבען אָפּ די שטראַלען
כוואַליעס רויטע צינטער
גרויע שאָטענס פאַלען.

איין זון אונטער אַלע ימים
און אונטער אַלע הויפען
עס קען קיין ערד ניט אָפּצאמען
צום האָריזאָנט צו לויפען.

מילשטראָם ווינטען דרייען
פראָסטיג טרערען פליסען
ווייסע לאָקען שנייען
אין די שיכטען מישען.

ווייט אראָפּ אין שיכטען
ביז צום אָפּגרונט טיפען
מענשען פיל פאַרניכטען
פון זינקען שווערע שיפען.

טייפעלס שווארצער נעבעל
אין די וואָלקענס טראָגען
בלינדע פעך און שוועבעל.
אין די שטראָמען יאָגען.

טייפעלס מאכט און פייער
מיט די שאָטענס שושקען
שטומער רויך און טרויער
אין די בלאָטעס הושקען.

שטייגט די הויך פון שטראָמען
טויט שטראָף טיף באַגלייטען
מיט די בלוט פון גיהנום
פארבט דעם טהאָם אין רויטען.

הערט מען ווילדע שטימען
וואסער טיגערש רוישען
וויקלען זיך און שווימען
קינדער קייטען שטויסען.

נשמות אלע אינאיינעם
פאלען מיט די שטערען
און מלאכים וויינען
גיסען זיך מיט טרערען.

ꕥ

פּראַוודאַ כּאַראַשאָ

דיין פּראַוודאָ, דיין אַרבייט
דיין שטערען ליכט שיין
דאָס קעמפּפען פאַר פרייהייט
דיין אָפּפער איז מיין.

פאַר פרייהייט צו קלערען
איז לעבענס באַריר
צי וואָלט איך מיין שטערען
יעצט לעבען אָן דיר.

די פריינטשאַפט איז אמת
דאָס אמת איז גוט.
וואָס שטורעמט דורך ימים
מיט גליק און מיט מוט.

מיר שטימען דערינען
צוזאמען אין שלאַכטפעלד
אָט האָסטו א סימן
פון צווייטען פראָנט העלד.

דעם שונא צו קריגען
באצאָלען מיט בלוט
דער אמת וועט זיגען
דער אמת איז גוט.

דאָס וואַלד אין דער וועלט

איך בין א וואַלד קינד, אין וואַלד דאָ געבאָרען
ווי גרוים איז מיר מיין קלאָג
יעדער טאָג פון מיינע יאָרען
וויין איך זיך אוים און איך זאָג.
מיין מוטער ערמאָרדעט, מיין פאָטער פארטרי־
בען
און איך בין דורך אומגליק אַן עלענדער פאַר־
בליבען.
וואַנדער איך פון וואַלד צו וואַלד
און שלאָף אויף הוילען האַרטען שטיין
ווען די זון גייט אונטער באלד
בלייב איך אופן וועג אליין.
פאָרען פורען דאָ און דאָרט
פריי איך זיך אַליין דערוייל
וואוהין זיי פאָרען ווייט פון שטאָט
געווים אן ערך טויזענט מייל.
טהו איך זיי בעטען, וויינען און בענטשען
אן עלענדער יתום בין איך
האָט רחמנות גוטע מענטשען
נעמט אונטערפאָרען מיך.
נאָר זיי פאָרען שנעל פאָרביי
וואָס קיינער שטעלט זיך אָפּ
איך בלייב א וואלדקינד אויף דאָס ניי
ביז אין גרויען קאָפּ.

מיין שותף

א פלוי איז דורך שיקזאל געבליבען אליין
און האָט זיך געהאנגען אין וואַלד אויף א בוים
צו בלייבען אַליין געווים איז א צרה
אַזאַ פאַרשווין א גרויסע כפרה.

געהערשט אין איר האַרץ, האָט א טרויער ווען שטיל
פון פאַרשימעלטע ליבע, איין בענקשאפט גע־פיל
דאָך קען מען ניט וויסען, צי א זי, צי אן ער
טרערען פאַרגיסען, צי א פליג, צי א בער

ווען איינע פון די בלייבט פון א פּאָר
און שווייגענדיג צעפּעט זיך איין אין די האָר.
זי מאכט זיך א וואוינונג, איר שפּאן איז ניט גרויס
קלעטערט און קלעטערט פאר מענטשענס פלייש.

א מענטש אָדער א שפּין

דער מענטש איז פאַרוויקעלט אין שפּינוועב
אין אַ נעץ פון רויטליכען וועבען
אונטער זיין האַריגען פעלץ פון זיין ברוסט ריבם
איז זעלבסטגיפט, וואָס ברייגנט אים דעם לע־
בען.
עס ברייגנט אים דעם לעבען, צו זוכען זיין ברויט
מיט גיפט אין זיין האַרצען, זוכט ער דעם טויט
אָט זוכט ער א מענטשען מיט וועלכען זיך קריי־
גען
אָט טוט ער זיך בענטשען זיין פריינט צו באזיגען.
אָט זאָגט ער, אָט גייט ער, אָט ליבט ער, אָט
שעלט ער
וואַקסט ער ניט גרעסער, אָבער וואַקסט ער דאָך
עלטער
אָט שפּראָצט אים א בערדעל, פיל האָר אויפן
קאָפּ
אָט איז אויפן פערדעל, און גליטשט זיך אראָפּ.
טרייבט די קאַליאַטשע, און ווייס ניט וואוהין
טוט אוים די מאסקע, בלייבט ווי א שפּין
יאָגט זיך נאָך שלאַנגען, ער וויל זיי צורייסען
אויב ער קען זיי פאנגען, און באלד זיי איינבייסען.
ער וועט זיי פאַרגיפטען, מיט בייסען געווינען
אליין זיך פאַרניכטען, אזוי ווי די שפּינען.

איך קום

אַ קעסעל אין דער הויך
האָב איך פאַר דיר געבילט
א פרייע וועלט דערגרייכט
און זיך אַליין פאַרשפילט.

מיט ליבע אָן איין שאַץ
האָב איך דיך אויסערוויילט
יעדער שניט פון הארץ
האָסטו אין מיר פאַרהיילט.

איך האָב דיר ניט געשטערט
דו ביסט געווען מיין גאָט
יעצט ביסטו אוועק
און איך וועל אויך זיין דאָרט.

אין פליהען איז מיין קראפט
ווי לאנג מיין מוט וועט זיין
וועל איך פליהען איבער מאכט
גלייך צו דיר אריין.

איך פליה און קעריאָן
וואו ווייסט און פוסט און שטום
ביי דיר איז יעצט מיין טראָן
ווארט אויף מיר איך קום.

דער לעצטער מארטירער

דו לעצטער מאַרטירער, די ליכט פון דער וועלט
פאַר דיר האָבען הימלען די בראַווקייט באַ־
שטעלט.
די בראַווקייט און זעלבסטקראַפט
פאַר נקמה א שריט
דו זעסט גאָטעס וואונדער, דו הערסט זיינע טריט.
אַזוי האָט דער בורא. דיין גליק אויסגעקלערט
געשענקט דיר זיין מיטלייד, וואָס מיר רופען
באשערט.
דער טאָג איז דיין פירער, די נאַכט איז דיין רוה
וואָס פירט דיך און וויגט דיך, קען זיין ווייט וואו.
עס פאלען קרבנות אין שלאכט פון גרויס נויט
וואָס שאפען די פרייהייט, ווען זיי זיינען טויט.
דאָך הערסטו זיי זאָגען, אין וואַסערען טיף
און הארפען וואָס שפּילען, אין הימעל ארויף
זיי פארבלייבען אין רייע, און לאָזען א טרער
ביז עס קומען צו נייע, און מערען זיך מער.
זיי היטען דעם צוזאָג פון גאָט, און זיין קרוין
אַז זיי זאָלען מארטירער, ניט לאָזען אליין
און שפּינען דיין צוקונפט פון לעבען א קנויל
עס זאָל דיר ניט שאַטען קיין וואסער, קיין קויל.

מיט מיינע שוועסטער

איך וואָלט איין פּלאַץ אויסגעבויט
פאַר מיר מיט מיינע שוועסטער
איך וואָלט צען טויזענט יאָר געלעבט
וואָלט איך געווען דער גרעסטער.

איך וואָלט געלעבט צען טויזענט יאָר
און קיינמאָל אַלט ניט ווערען
מער קיין שקלאַפען אין מיין דאָר
און מער קיין שקלאַפען טרערען.

מער קיין נויט און מער קיין הונגער
מער קיין קריג און שלעגעריי
איך וואָלט באַוויזען נסים וואונדער
אין דער צייט וואָס גייט פאָרביי.

א וועלט מיט שוועסטער וואָלט איך בעדאַרפען
איך וואָלט פאַר זיי דעם הימעל ברייגנען
און איך וואָלט א האנט באשאפען
פון יענער וועלט די גאָלד דערלאנגען.

די גאולה

דורך די אָפּגעברענטע ווערבעס
זע איך די וועלט אין א בויגען
און ווי א מיטיאָר פון ערגעץ
וועלכער איז צום ערד געפלויגען.

באַלייכט האָט ער די הינטערוועגען
מיט בליצען פייער שפּורען
און האָט זיך מיט דעם ים באגעגענט
דורך די רויך פיגורען.

איבערגעפליצט האָבען די קוואלען
ווייט פון ברעג צוארונען
און צורייצט די שיכטען וואלען
אין טיפען וואַסער ברונען.

פליסען ווארים גרויסע טרערען
גאָטעס רוט און שטראָפען
פון דעם הויכען קוימען קערען
עס אראָפּגעוואָרפען.

ווא די שטערען, ווי די קנאָילען
וויקלען זיך אין מאסען
וועלכע פליהען, וועלכע פאלען
פון די הימלען טאשען.

וואו די מאַרס, דיופּיטער, וועגוס
הערט מען מוזיק טרימלען
פון לבנה'ס ליכט אין גרעניץ
ארום די בלויע הימלען.

לעבען מענטשען דאָרט צופרידען
פריינדלאך און בכוח
דאָרט לעבט דער קעניג פון די אידען
פון גאָט בעשאפט משיח.

זיצט אין בית המדרש שולע
תורה איז זיין באגער
ער וועט ברייגגען די גאולה
ווען ער קומט אהער.

וואָס די לײַט זײַנען מקנה

האָב איך מיר אײן אַלטען פערדעל
קרעפּטיג, שײן און װײס
מײט אוים יעדער בערגעל
און גלידזשט זיך אין אײז.

ער װיל קײן זאַך ניט פרעסען
פון די סנאָפּעס הױכע
קײן האָבער, הײ ניט עסען
און װאָס ער קײט איז װײכע.

נאָר װען ער װיל דעם הונגער שטילען
זוכט ער װײן און משקה
לעבען יעדער ביר הױז שוים צו דילען
מאַכט ער א פּאפּאשקע.

אביסעל שװערער טוט ער שפּירען
כאַפּט און שטעלט זיך אָפּ
איך מוז אַלײן דעם װאָגען פירען
קריך איך שױן אַראָפּ.

שלעפּ איך מיר דעם פערד און וואָגען
אויף מיינע מידע פּלייצעס
עס קלעקט ניט מיר איך זאָל אייך זאָגען
די חלה אויף א מוצא.

און די לייט זיינען מיר מקנה
וואָס איך האָב א שיינעם פערד
זיי ווייסען ניט די סודות מיינע
אַז איך ליג ביי אים אין דער ערד.

האָפענונג

דו ביסט מיין מלאך און איך בענק נאָך דיר
איך בענק נאָך דיר כסדר
ווייל איך ליב דיך אָן א שיר.
איך פאַרליר קיין האָפנונג צו זען אין דיר דאָס
גליק
ווען איך וועל קומען צוריק.
עס העלפט גאָרניט קיין טענות
און עס העלפט קיין געלט
ווייל אין דעם טרויער וויגעל
איז פאַרוויקט די גאנצע וועלט.
אָפּפער איך מיין לעבען
אָפּפער איך דערפאַר
צו ראטעווען די שקלאפען פון געפאר.

די בהמה איז נאָך ביי מיר

מיין בהמה גיט איין עמער מילך
און איך וויל זי פאַרקויפען
מוחל אירע גליקען
איך וויל ניט בשום אופן.

איך בין א גוטע באַלעבאָסטע
עס קען ניט זיין קיין בעסערע
אויב עס שמעקט מיר ניט די פוילע
גיב איך איר מיין וועטשרע.

וויפיל מאָל די טעפּעל, פאַרבייט איך
ביידע גלייך, און פולע
זי עסט אויף, מיין טאָפּ מיט ארבעס
בלייבט פאַר מיר, די פוילע.

ווען איך גיי זי מעלקען
האַלט זי מיך, אין בריקען
מיט די פיס, אין דאָניעצע
און הויבט נאָך אָן צו מוקען.

איך גיב איר אלע פאַרגעניגען
וואָס בעסער און וואָס שענער
געפעלט איר ניט, מיין ניגון
און נעמט מיך אויף די רענער.

טרערן

ניט מיין אז איך האָב אויף דיר מאַמע פאַרגעסען
ווייל איך האָב דיך געלאָזען אליין
ביים שלאָפען, ביים טרינקען, ביים עסען
וועל איך ניט פאַרגעסען דיך, ניין.

דו ביסט פול מיט בטחון געוואוינטשאפט
מיט מוטער ליבע אָן א שיר
נאָר דו קענסט מיר פילען מיין בענקשאפט
דאָס בייניקען וואָס ציט מיך צו דיר.

פון ליכטשראָם שפין איך דיר א טשעפטער
פון שטערען פיל אוצרות אָן שאץ
ווייל איך בין א טייל פון דיין קערפער
א טייל פון פאַרצווייפעלטער הארץ.

דורך בליצקריג און גליהענדע פלאמען
וועל איך דיר מיין בראווקייט ענטדעקען
דורך אייזערנע קייטען און צוימען
וועל איך אין דיין שלאָף דיר ענטפלעקען.

❦

מיין פעטער

מיין פעטער אין אַ יאַרמולקע
און אין טלית קטן קיל
פלעגט זיצען לעבען סאַזשעלקע
און כאַפּען פישלאַך פיל.

געוועזען איז ער זייער רייך
ניט פון פישלאַך כאַפּען בלויז
פון דער קרעטשמע ביז אין טייך
געהאַט אַליין אַ ברויז.

איינמאָל האָט ער זיך פאַרקלעפּט
אין דעם נע ונד גלייך
האָט אים אַ פיש אַריינגעשלעפּט
דורך דער שאַזשעלקע אין טייך.

געשריען האָט ער, מענטשען געוואַלד
צי האָט אים ווער געהערט
ער שרייט ער ווערט דערטרונקען באַלד
דער טויט איז אים באַשערט.

געשווימען איז די בת מלכה
געכאַפּט אים פאַרן צאָפּ
דערפאַר האָט ער די יאַרמולקע
ניט אויסגעטאָן פון קאָפּ.

מיין בוך

איך האָב מיינע ליבשאַפטען פון הערצען גע־
שעפּט
מיט מיינע קינדער געטיילט די נחמה
טויזענטער קושען, פון די ליפּען געשלעפּט
פאַרטריקענט איז יעצט די נשמה.

די יוגענט פארפליט, ווי א פייל פון בויגען
ווי א בליץ וואָס ציגט אָן, און פאַרבייט
פריהער פון אַלעס ווערען שוואכער די אויגען
די אלטקייט היינגט אָן א גאנץ לאנגע צייט.

פאַרגעסען די יוגענט, וואָס איך געדיינק איז מיין
ליידען
אביסעל שכר האָט עס די ווערט
ווי שאָם וואָס פאַרשווימט, און וויל מער זיך ניט
צייגען
איך נעם אלץ ווי מיר איז באשערט.

ווען איך וואָלט מיין פאַרגאנגענהייט נאָך איינ־
מאָל איבערלעבען אין גליק
און עס וואָלט געווען זייער אנגענעם און געשמאק
וואָלט איך געזאָגט מוחל, איך גיי ניט צוריק
ניט מער ווי אויף צוריק גייט א ראק.

קיין געלט, קיין ירושה וועט פון מיר ניט בלייבען
עס איז גאָר נישט דאָס וואָס איך זוך
איך לאָז איבער מיין ארבעט, מיינע גראמען, מיין
שרייבען
און איך לייג עס צוזאמען אין מיין בוך.

זאָרגעז

עס דרימעלט דער דערפעל, צום טרוימען וואָס
גרייט
אספּאַט ליכט לבנה, אין וואָלקען פאַרגייט
שטערען א מענגע צום ברוגז טאַנץ
פאַרצווייפעלט פון שטרענגע, געטריבט זייער
גלאַנץ.

און ווי בוקען זיך, טוליען זיך, מיט פּנים׳לאַך
בלאַס
שווייגענדיג צייגענדיג, און שפּאַלטען פון האַס
די ריזיגע ליכט, וואָס באַצירט אַלע לענדער
באַפלעקט איר געזיכט, פון שאָטענס פאַרענ־
דערט.

און שפּרייזט דורך הימלען
ביים ערד קוגעל ווייטען
פון איין אָרט צום צווייטען
באַגריסט ביידע זייטען.

עס חלומ׳ט דער דערפעל
פון שלאָף געטראַנק א סך
פאַרשלאָפענע שכורים
נאָר איינער איז וואַך.

ערשיינט דער פרימאָרגען
געקליידט ווי א נאָנע
און לאָזט איבער זאָרגען
דעם מאַן אין דער לבנה.

אייבּיגער שוים

איך קען אין מיין פאַרגאַנגענהייט
קיינעם ניט באשולדיגען
קיינעם ניט, נאָר זיך אַליין
איך קלויב אויף מיינע זאָרגען דאָ
אַלע אים געדולדיגען
און איך לאָז אויפן וואַסער עס גיין.

זיי ליגען ביים ברעג, און ווילען ניט שווימען
קוים וואָס עס טוט זיך א ריר
און קענען פאַר זיך קיין אָרט ניט געפינען
זייער איינציגער פּלאַץ איז ביי מיר.

אויפן וואַסער דעם טייך דעם ברייטען
ביסטרע טיף און קלאָר
שווימט א שיפעלע אָן שום באגלייטען
און שטעלט זיך ניט אָפּ אויף א האָר.

שווים שיפעלע אייביגער שוים
איך וועל דיר חלילה ניט שטערען
האַלט ערליך מיין קלוגשאפט
און ערנסט מיין טרוים.
די טייך איז פון מענטשענס טרערען.

וואָס איז גליק

פאַר ליכט שטראַם, מוזען זונען גאָר שיינען
און לייכטען, דיין געצעלט, דיין געזיכט
פאַר קינדער, טאָרען מוטערס ניט וויינען
כל זמן, זיי טהוען דאָס פליכט.

קען זיין גאָר וייט פון דער מאַמען
מיט ארבעט, און קראפט אין איין האנט
אפילו אויף יענער זייט ימים
לעבט ער, און געפינט זיך אין לאנד.

קריגט איך אביסעל גליק
שיקט מען אייך באַלד צוריק
אין אַן אויגענבליק
זאָגט מיר וואָס איז גליק.

אזוי איז די גאַנצע וועלט
גליק איז פון אייך פאַרשטעלט
צי אין היצען, צי אין קעלט
שלאָגט מען זיך פאַר געלט.

קויפט מען אייך אלע אָפּ
פון אויבען ביז אראָפּ
שפרינגט איך איבער, זאָגט איך האָפּ
האָפּ, האָפּ, האָפּ.

שטערען

שטערען אין הימעל אלע אין רימעל
צי זיינט איר די זונען פון אנדערע וועלטען
אפשר די קרוינען פון קרח'ס געצעלטען.
און טווינקלען דורך שימער, קארג וואָס מען זעט
נישט אייביג נישט אימער, ווייט ווייט אהעט
אפילו א שטיין וואָס קען זיין גאָר ביליג
צווישען די דימענטען און מאַכט ניט קיין חילוק
דאָך זעט מען קיין אוצרות ניט פאַלען אויף דער ערד
נאָר יענע פון פעלזען פון ריזיגע בערג
פון די וואָס מיר רופען געפאַלענע שטערען
צי זיינען זיי לענדער וואוהין זיי געהערען.
טאנצען און שפּילען, בוקען זיך שוין
ווער קען זיי, ווער ווייס זיי
ווער פאַרשטייט זייער מיין.

אווזעק ווי א טייפעל

עס איז א מלאך דאָ פאַרבליבען
וואָס איז געקומען מיך צו ליבען
זיינע פליגלען אויפגעשניטען
גאָר דעם הימעל אויף מיר פאַרביטען.

צו זיינע ליפּען מיך געטוליעט
געבוקט זיך און געהוליעט
אייביגע ליבע מיר געשוואָרען
דרך מיר זיין הימעל שיר פאַרלאָרען.

געבויט א פּאלאץ א מתנה
ביי דעם הויכען בארג לבנה
נאָר מיט ליבע זיך געזעטיגט
אַ געוואלד געשריי, ער האָט פארשפּעטיגט.

און האָט זיך גלייך גענומען קאָכען
אויך דעם פּאלאץ באַלד צובראָכען
אין זיין גאַרטעל מיט א רייפעל
געקליידעט ווי א טייפעל.

מיט א קראך פון פיילען בויגען
דורכן שטורם בליץ פארפלויגען
אראָפּגעשאָסען, ניט געטראָפען
דאָך פאַרענדערט האָט מיין האָפען.

א סימן

וועז די רעגענס קומען אָן
שפּרייזט די ערד אַלץ ווייטער
פון דער זון אין אָפּ האַליאַם
וויקט זיך ווי א גליידער.

אַלע שאָטענס מיט אַמאָל
לאָזט זי פאַר א סימן
וואָס זי שווערט צום באַרג און טאָל
ווידער צוריק צו קומען.

און די לבנה אויך פאַרשווינדט
זי ווערט גאַנץ אָפּט פערפאַלען
דורכן שטורם, דורכן ווינט
אין דעם תהום פון קוואַלען.

אָט איז זי גרויס, אָט ווערט זי קליין
אָט גאָר א העלפּפט און שטרייכעלט
אָט ווערט זי פול און ווידער שיין
צו דער וועלט און שמייכעלט.

קומט די ערד אין קאַלטען צושטאַנד
דערגרייכט ביז אין דעם סילינג
נעמט איר גאָט אין בריטען האַנט
און ברייננגט צוריק צום פרילינג.

די ווארע ליבע

איך האָב אין מיינע אָרימס
דיך ווי א קינד געוויקט
צו מיינע ליפּען און מיין האַרץ
אָן א צאָל געדריקט.

אין דיינע אויגען פייכטע העלע
שפּיגעלט זיך מיין לעבען
וואָס איך בין מיט לייב און זעלע
פון נאטור צו דיר געגעבען.

א גאָלדענע וואנט פון וואַרע ליבע
האָב איך אין דיר געפונען
א שיידונג האנט פון שמערץ און טריבע
האָט דיך פון מיר צוגענומען.

אַזוי ווי די בוים ביים באַרג לבנה
א טייל פון איר איז וואָרצעל
איז אויך א העלפט פון מיין נשמה
אין דיר געפלאנצט, געשמאָלצען.

דורך הימעל בלוי און וואַסער קריסטאָל
וועל איך מיין חלק זוכען
ביז מיין בענקשאַפט וועט גלוסטען
און וועט צו דיר מיך רופען.

בײַ דיר אין די הענט

בײַ דיר אין די הענט
זײַנען מיר אַלע גאָט מײַנער
קענסט אונדז אַלץ טאָן
מיט אײן וואָרט נאָר יע דײַנער.

אונטער דײַן הערשאַפט
זײַנען מיר אַלע קנעכט דײַנע
הערצו פון דײַן פאָלק איר געבעט
גענוג מיט עקשנים די שעפסן געטריבען.

דו האָב שוין רחמנות אויף די וואָס פאַרבליבען
מיר זאָלען ניט פאַלען, פון מילשטײן צוריבען
אײדער עס איז ניט צו שפּעט.

דו האָסט אונדז געגעבען א וועלט
מיט ווילדקײט פאַרצויגען
קײן בוים האָט געבליט און קײן פויגעל געפלויגען
מיר האָבען מיט ארבעט געפילען פאַרבויגען.

געשעפט פון נאטור מיט גרויס גליק
די גיפטיגע טײכען געלאָזען זײ פליסען
דעם שטורעם און וואָלקען פון דער ערד אָפּגעריסען.
יעצט שיקסטו דעם טײפעל אין גאנצען אויסמישען
יעצט ווילסטו עס נעמען צוריק.

נאָר מענטשען

די ערד איז אַ שווייגענדע שמאַטע
פאַרכשופ'ט פון גליהענדע שטראַלען
אַ פינסטערע, שווערע, אַ זאַטע
געזעטיקט מיט בלוטיקע קוואַלען.

דער שטראָם גייט אַנטקעגען דעם איקוויטער
און לויפט נאָך דער זון זיך צו קילען
עס זינקען אין זומפּ, בלאָטעס רויטע
די כוחות פון מענטשען ווילען.

די זונען באַזונדער אין הימלען
הילכען דורך ראַכע און טריגען
רופען אייך גאָט אין זיין נאָמען
אַז ער זאָל זיי העלפען באַזיגען.

פרעסען די מאַכטלאָזע שטערען
און פלאַמענדע פאַקעלען ברענען
שפּייען מיט פייער און שווערען
קאָמעטען פון שטאָל איינצונעמען.

פאַרצווייפעלט די וועלט אין סכנה
געענדערט פון פאַלשע געזעצען
אין גיהנום שיבירען מלחמה
קיין הימלען, נאָר מענטשען צו מענטשען.

אין פּאַרלאַמענט פאַרשידענע פירער
וועלכע פריידיגען גערעכטיגקייט פּלענער
פאַר פרייהייט און קאַמף וואָס שטודירען
און גיבען צום שד אָפּ די רעהנער.

אויפן זעלבען אָרט

איך קני פאַר דיר מיין אידעלע
דיין תורה׳לע, דיין לידעלע
ביז אין דיין קבר האָסטו דיין ליד אָנגעגרייט
מער ווי איינמאָל שטאַרבט מען ניט
געבליבען איז דיין בלוט וואָס זיט
זאָל דיין בלוט ניט שוויגען פאַר דיין פריצייטי־
געען טויט.
אויפן וועג פון מיליטער
שפּיזען, שווערדען, פיל געווער
דו שוועבסט ארום, עס קען מער שאטען דיר
קעמפן מיט פייער ניט פאַרביי
דו ביסט א קרבן סיי ווי סיי
פאַר איין קאָפּ נעם דעם שונא׳ס פיר.
ווערסטו נאָר צום טויט געקעפט
דיינק, איז ערגער דעם וואָס לעבט
קוק אראָפּ פון הימעל אויפן זעלבען אָרט
זעהן וועסטו די קינדערלאך
אויסגעוואקסען וואונדערליך
זינגען אויך דאָס ליד, מיט דעם טאַטענס הייליג
וואָרט.

דאָס דערפּעל

נאָך איידער דער דאָרפעשער האָן האָט געקרייט
נאָר וואָס די הינט האָבען שטאַרק זיך צעוויעט
איז ער ניט געשלאָפען אָדער צו פרי ערוואכט
בעפּאַלען דאָס דערפּעל אין מיטען דער נאכט.
ווען דער דערפּעל וועט פאַלען, וועלען פאלען די העלדען
וועלכע קומען זיך טובלען און קומען זיך מעלדען
אָט מאכט ער אַ גולם פון אלע נאַציאָנען
פאַרברענען דעם צלם צו שאפען שפּיאָנען.
די דאָרפעשע העלדען אזוי ווי די בערען
דעם דאָרף צו באפרייען, נאָר שנעל זיך צוקערען
ווען דו ביסט געשלאָפען, אין האָניק אין זיסען
וואָס דיר האָט געטראָפען, ערשט לאָזט מען אונז וויסען.
דו חלומסט פון הערנער, און נאָכדעם א שד
אין נאָז פול מיט פולווער, אין מויל מיט א שווערד
שפּריצט ער מיט פייער, וואָס שווער איז צו לע־שען
א טאָפּ מיט קאפּוסטע, און האַלט אין איין פרע־סען.
א זאק מיט פאַסטראמע שיסט פון זיין רייפעל
אַז ער איז דער שד, ביסטו דאָך דער טייפעל
עס איז ניט אזוי גרינג דאָס דערפעל צו קריגען
עס קען זיין א סברה אז דער טייפעל וועט זיגען.
דען צי אויס די וואָנצעס, און האלט צו די לייצעס
ווייל עס וואַרט שוין א הערשער, פון הינטער דיינע פּלייצעס.

צי האָב איך געלעבט אויך אמאָל

צי האָב איך געלעבט צוריק מיט טויזענט יאָר
מגולגל געוואָרען אין הערשער געשטאַלטען
אָדער די גאַנצע צייט געשלאָפען גאָר
איינגעפראָרען אין אייזבערג זיך געהאַלטען.

צי בין איך געווען א געלערענטער, קלוגער
א פירשטליכער קינד פון א האַר
אָדער א בעטלער, א פאַלשער בעטריגער
צי גאָר א פאַרמשפּט'ער משוגענער נאַר.

צי האָב איך געשטאַמט פון הייליגע רבנים
און גאָטעס תורה אָבגעהיט וואָס מער
צי גאָר א געשמד'טער מיט איין פאַרשעמט פנים
צווישען גוים פילט זיך ווי א גר.

לאָז דער וועלדעל ברענען

אין איין פייערדיקען מויל, ווערסטו איינגעשלונ־
גען
צו דעם טייפעלס שווערד אין קויל
וואָס האָט דיין שטאָלץ געצוואונגען.
דאָס שטורם געוואלד, פאַר שרעק און נויט
נאָר טויטע אויפצוואוועקען
עס ברענט דער וואַלד, דאָס פלאם צום טויט
די וועלט אין אַלע עקען.
דו שרייסט צום הימעל שמע ישראל
דאָס שרייען שוועבט ארויף מיט רויך
נאָר איך אַליין פאַרשטיי דיין קול
ווייל דיין דורכפאַל, איז מיינער אויך.
עס וואַנדערטארום דער וואָיקאלאק
און קען אויף קיין אָרט ניט פאַרבלייבען
וואָס פירט דעם פלאם, צו דיזער צייט
וויל מיך און דיך פאַרטרייבען.
פאַרלאָזען מיר די שטיבעלאך, פון פעקלאך שאָ־
טענס קארג
וואוהין מיר לויפען ברידערלאך, אהיים, צום
אַלטען בארג
די באַרג איז ניט געפאָרשט ביי זיי
נאָר גרייט צו אָננעמען.
דו ביסט א פרעמדער, סיווי געה
לאָז דער וועלדעל ברענען.

צושיידט

לעבען טייכעל שטיל
ביי דעם וואסער מיל
אוואו מיר זיינען געזעסען
גאָר קיין שלעכץ געטראכט.
גאנצע נעכט פערבראכט.
ווי קען איך עס פאַרגעסען
האָב איך איר דערזעהן
וואָס איז דיר געשעהן
מיט פארוויינטע אויגען
די גאנצע פאָדערונג
די פאלשע האָפענונג
וואָס האָט גענארט אונדז ביידען.
האָט מען אונדז צעשיידט
מיר די קאָפּ פאַרדרייט
אין מלחמה מיך געטריבען
עלענד ווי א שטיין
אין דער וועלט אליין.
ביסטו דאָרט פאַרבליבען
איבער ברייטען ים
און איבער בערג און פלאם
אויפן פעלז דעם הארטען
ביז אין גרויען צאָפּ
קוקען גאנץ אראָפּ.

וואו אויף מיר פלעגסט ווארטען
ווען דער פייער ברענט
ליידען פים און הענט
און די הארץ טוט בייגקען
ווען אויסלעשען האַלט
ווערט פאַרגעסען באלד
נישט מער צו געדענקען.
פויגעלע טייערע, ווייסט וואָס איך דיינק
זינג מיר א לידעלע, זאָג
פליסט דאָך אהין נאָך ווען איך ביינק
צו איר איין בריוועלע טראָג.

וואַרטען

עס גיסט אַ שלאַקס רעגען
אין פעלד שפּריי אַ סך
באַנעצט האָט די וועגען
און שטרויענעם דאַך.

רינט פון די שטרעכעס
עס פּליוצט און עס אירט
קוואַלט דורך די סטעפּעס
צום מדבר וואָס פירט.

דאָס פאַרשאָלטענע מדבר
געהערט אויך צום לאַנד
ניט מער ווי אַ וויכער
וואָס מישט אוים דעם זאַמד.

און דאַרשטיקע אָקסען
דאַרע און שלאַנגע
פאַרטריקענט און וואַקסען
מיט העלדזער מיט לאַנגע.

זיי ווילען זיך רעטען
פון טומפּיקען שווערד
די פייכטלעכע בעטען
וואו זיי קייען די ערד.

שעצען און אַכטען
די בלאָטעס אין פריידען
זוכען און וואַרטען
ערשט די וועלכע ליידען.

און טראָפּענסווייז פּליסען
שוואכט אָפּ זייער זינען
וואָס פעלט איז פאַרגעסען
קיין זאך ניט געפונען.

שרייען צום הימעל
מיט אָפּענע בליקען
פאַר וואסער א טראָפּען
נאָר דאָרשט צו דערשטיקען.

ווען דונער אָפּקלאנגען
וואו פרייד איז גענום
דורך ווינטען געזאנגען
וואָס ברייגנט דאָס גרום.

מיט די אָקסען אויך מיקען
פאַרשידענע רוחות
טרייבען און היקען
טיילען דאָרט איכות.

רייטען און שמייסען
גראָבען אוים גריבער
קושען און בייסען
שפּאנען אריבער.

אין גראָבען אויף וועגען
א שטן גאָר א האַרטען
אוואו זיי זוכען א רעגען
ווארטען און וואַרטען.

אלע טאָג

איך בין געווען א פרומער איד, געדאַווענט אלע טאָג
איך בין דערצו ניט געווען קלוג.
צו פארשטיין וואָס איך פארמאָג
אַמאָל איז מיין דאַווענען געווען גאָר גרויס.
בפרט אין דער ווייבערשער שול
זיי פלעגען זיך שאַרען פאָרביי מיין שויס,
מיט מיין זאָגען געמאַכט זיידול.
לייענדיג די תחינה, האָב איך געמאַכט א קרו־מע מינע
און פיל פלעגט ניט געווערען
האָבען זיי זיך געגאָסען מיט טרערען.
די מאָגערע ווייבער די וואוילע
פלעגען זיך האַלטען פון ווייטען במילא
אָבער די פעטע, די בייזע
פלעגען זיך דראַפּען ארום מיין דויזע.
ווען די ווייבערשע ציין פלעגען קריצען
פלעג איך זיך אין דויזע באַשיצען
קינדישע פלעגען זיי זיך נאָך בוקען
און אָנהויבען די דויזע רוקען.

פון דור צו דור

עס שטיקט מיך דער רויך, א שרפה אין שטעטל
איך שלאָף, און מען טראָגט מיך ארויס מיטן בעטעל
מיט חסד, עס ברענט דאָס הויז ביים שכן קאַפּידער
שטיל כאַפּ איך זיך אויף, און שלאָף מיר איין ווידער.
עס היינגט מיר איין העגנגלייכטער, איבערן קאָפּ
פון מינוט צו מינוט, רייסט עס זיך אָפּ
און פון מיין דור, און דורות בילדער, ווערען שווער מיינע גלידער
אָט כאַפּט זיך אויף און שלאָף מיר איין ווידער.
אין מויל מיט א פעקעל, פליט הויך א פויגעל
וואָס וואַרפט פון א זעקעל, צום חזיר א בייגעל
דאָס זיינען ניט קיין בייגעל, עס איז מיינע לידער
שריי איך זיך אויס, און שלאָף מיר איין ווידער.
א וואָלף מיט די ציין, אָט עסט ער מיך אויף
קוים רירט ער מיך אָן, צורייסט ער מיין גוף
און שפּרינגט איבער מיר, גלייך צו די ברידער
דאָ כאַפּ איך זיך אויף, און שלאָף מיר איין ווידער.

דער חילוק פון א מענטש ביז א חיה

איך האָב אָבגעלעבט הינטעשע יאָרען
דורכשניטליך קיין גליק ניט גענאָסען
בעסער וואָלט איך אין א חיה געבאָרען
און איך וואָלט גאַר, פון מענטשהייט ניט וויסען.

אויב איינעם גייט שלעכט, אויפן ערגסטען אופן
פאַרפאָלגט אים אפילו דער ווינט
פאַרלירט ער זיין וועט, און ציל קען ניט גרייכען
דער גאנצער געמיט איז פאַרשפּילט.

דאָס לייטערער שטראָם, אנטקעגען די כוואַליעס
די נאוואל, וועלכע ליגט אויפן וואַסער און האָפט
שעפּט אָן די לופט, און פאַרגעסט זיך אין אַלעס
פרייט זיך פון זון שטראל און שלאָפט.

ווען עס טרעפט אין איר הארץ א האַרפינע
צום קאמף ווערט די חיה געגרייט
לויפט זי צום אָפגרונט ווי א מאשינע
קערט זיך צוריק, און בלייבט טויט.

א הונט קען ניט זיין קיין קצב

איך בין א שניידערוק געבאָרען
איך טהו קיין זאך ניט אין סלעק
מיין שאַפּ איז אין האַרלעם אויפן צענטען גאָרען
מיט א שער אָן א שפּיץ, און א טיש אָן א דעק.
ווי א שניידערל טהו איך מיר זינגען
שטאָלץ מיט דער נאָדעל אין האנט
האָב איך נאָר עטוואָס צו שלינגען
פיר איך צענויף א וואנט מיט א וואנט.
איך בין שוין געווען אויך א בדחן
עס האָט ניט געקלעקט מיר אויף וואָכער
אָדער וואָלט איך ווערען א שדכן
בין איך אַליין א בחור.
היינט ווי אזוי זאָל איך אָן צייט אין דער ערד ניט
אריין
וואָס א הונט קען קיין קצב ניט זיין.

דער בעל חוב

א בעל חוב צו זיין איז אויך ניט שלעכט
אזוי לאנג מען זאגט ניט נעבאך
עס מאכט נישט אוים צי לינקס, צי רעכטס
אבי דו האסט דאס רוח.

עס קומט א בעל חוב, אין קעניג׳ס הויף
מען לאדעט אים איין אין זאל
ער זאגט נאר צו, און צאלט מיט רויך
דאס איז א רייכער כלל.

איך אליין קום קיינעם ניט
דארום בין איך פול מיט כונה
האב יעדען באצאלט נאר איינעם ניט
און דאס איז גאט די נשמה.

צו בייטען זיך די שיך

אראָפּ אליין אייכעס
מיט דעם עקספּרעסמאַן רייכען
גייענדיג פון סליחות
געלט וואָס קען פארגלייכען.

דער קבצן האָט א טאָכטער
דער רייכער מיט זיין זון
אָן א שום געלעכטער
א שידוך ווערט געטאָן.

וואָס טויג א שיינער נאָמען
וואָס האָט די ווערט דער איך
און די מחותנים
צו בייטען זיך די שיך.

דער רבי טוט אָן די שטיוועל
און לאָזט קיין שום חרטה
מיט צוויי הויפען רובעל
און קריכט אַריין אין א בלאָטע.

מיין אמונה

איך האָב אין מיין אמונה געגלויבט
ביז דו האָסט ערשיינט דורך געגאָרדען
דעם לעבען אויף דיר זיך פארטרויט
אין בטחון האָב איך זיך געבאָרען.

וואָס האָב איך אין דיר באַלד דערקענט
וואָס האָב איך אין דיר גאָר געפונען
מיין נאָמען האָסטו מיר פאַרשעמט
די מנחה פון מיר צוגענומען.

מיין בטחון איז אַוועק מיט די כוואַליעס
די ליבע האָבען ווינטען צוטריבען
פון מיין נאָמען פון מנוחה פון אלעס
איז מיר די אמונה פאַרבליבען.

אַלץ הייסט געמאָלעו

איינער מאָלט פראכטפולע בילדער
דער צווייטער קאָרן און מיל
נאָך איינער מאָלט, שטיינער און שילדערט
אויף זיין אייגענע וועג פאַר א שפּיל.

איינער מאָלטביינער געננג פון א זאק
דער צווייטער זיין אייגענע פלייש
דער דריטער פיש מיט דזשאבעס און ראק
אַלעס צוזאמען קוקט אוים ווי איינם.

איינער מאָלט א חזיר מיט א לאנגער נאָז
דער צווייטער אָפּגעטער א סך
און איינערי מאָלט אן עפּעל, און קייט גאַר גלאָז
פון כלים בלייבט ניט איבער קיין זאך.

איינער מאָלט שלאנגען געדרעסטע
שטאָפּט אָן די וואורשטלעך די גראָבע
א צווייטער מאָלט פּולווער און פרעסט עס
און באקומט פון זיין מיל א כוואראָבע.

די אלטע שוויגער

מיין אלטיטשקע שוויגער
האָט איר עלטער פערבראכט
געשפונען די פּאָדים
ביז שפּעט אין דער נאַכט.

געלעקט אירע פינגער
געצויגען די פלאקסען
דעם שפּינדעל געדרייט
דער קנויל איז געוואקסען.

איינמוטיק פארוויקעלט
געפּראָניעט געווייכט
און נאָך דעם די פּאָדים
געקאָכט און געבלייכט.

געוועבט גלייך די לייווענט
ביז צו דער קלייד
געארבעט גאנץ פלייסיג
געהאנדעלט מיט פרייד.

געקאָכט און און געבאקט
יעדער נאַכט ביז אין פיר
מיט אן אויג געוואָרפען
צום איידעם און שנור.

מאָרגען

איך האָב פאַרגעסען יענע קריינקען
פאַר וואָס כסדר פלעג איך ביינקען.
נאָך וואָס האָניק צי די בינען
נאָך דעם זייד, צי נאָך די שפּינען.
נאָך דעם טייכעל צי דער קלאטקע
וואו געוואַשען יעדער שמאטקע.
און געפּראַניעט לעבען פעליקע
געווען מיט מיר, א גאַנצע שמעלקע.
אויפן שליטעל וואַסער פירען
ביז אין קיך עס זאָל ניט פרירען
מיט די הענטעלאַך פערקאָוועט
געפירט דעם פערדעל פאַרן פאָוועד.
און דערווײַלע אונטערפאָרען
ביז געעלטערט זיך אין יאָרען
ווען פאַרביינקט זיך נאָך די אַלטע
פלעג איך מיד ווערען פון קלערען.
ביז דערפילט א האַנט א קאַלטע
אויף מיין פייכטען מידען שטערען
אויפגעשפּרונגען מיט גרויס צאָרן
נישט מער טראַכטען, זיך געשוואָרען.
ווייל פטר גליק און פרייד צו זאָרגען
קומט א נייער טאָג, דער מאָרגען.

מיין שטרעבען

מיין שטרעבען אָפטמאָל שרעקט דאָך מיך
צי וועט עס זיין מיר ניחה
צי איז דער תהום גאָר אַזוי טיף
צי גאָר אן אַלטע סליחה.

עס שטויסען כוואַליעס ברואים פיל
און האַלטען ביים פארזינקען
נאָך זיי מיין שטרעבען זיך שטיל
צוזאמען זיך דערטרינקען.

די עלטער האָט קיין צוקונפט ניט
איר שטרעבען צי איר האָפען
וואָס ער טוט איז ניט קאָמפּליט
און ווערט אין דעם אנטשלאָפען.

מצרים

וואו עס האָט געפּעלט א ציגעל
אַזוי האָט עס פּאַסירט
האָט מען קינדער פון דער וויגעל
אין דער וואנט פאַרשמירט.

פון מצרים די געשיכטע
האָט מען יעצט דערקענט
אידען איינציגוויים פאַרניכטעט
קיטעסווייז פאַרברענט.

ווען א צווילינג איז וואו געבאָרען
פאַרמשפּט האָט מעןביידען
דורך די שטיינער קליינע קברים
און רוהען אין גן עדן.

ווייל זייער ארבעט איז נישטאָ
קענען זיי ניט איינרוהען
און וועלען ווידער קומען דאָ
דעם בית המקדש בויען.

דאַן ראמט אָפּ די וועג מלאכים לייט
פון אפריקע ביז אין פוילען
מיט אייך געקומען איז די צייט
די גאנצע וועלט צו טיילען.

דער בריפּען טרעגער

עס וואַקסט אַ נייע צווייגעלע
צום בוים א טייל א גליד
ערנערט די קליינע טייבעלע
מיט פרילינג טוי באצירט.

אירע ווייס גרין גאָלדען פעדערלאך
זי קלייבט זיך פליען ווייט
פליענדיג פיל שענער נאָך
און שטעלט זיך אָפּ ביים זייט.

זי שטעלט זיך אויף מיין שטיוועלע
און טוט זיך ניט קיין ריר
איך הייננ איר אָן אַ בריוועלע
ביז צו מיין מאמעס טיר.

מיין מוטער איז אין היטלער לאנד
און איך בין דאָ אַליין
אין געלט זאכען בין איך ניט רייך
נאָר ערנסט אין געוויין.

דעם אמת שרייבען טאָר מען נישט
צו פאַרשטיין איז זייער שווער
איך לעז אין צייטונג פון דעם ביסט
און ווייטער גאָר ניט מער.

די מויז אין מייזעשע קנעפ

גראָבט ארום מיין חדר
א מויז א טיפע מינע
און גראָבט דורך ווענט כסדר
צום קיך א גלייכע ליניע.

זי ווערט אין צייט פאַרטרעטענע
דעם טיש געגרייט באַרירען
פאַר מיין שטול זיך גלעטענע
די פוטער קעז צו שמירען.

הער איך אַלץ קייען
די טרעפ אראָפּ, ארויף
הלימענדיק און שפייען
פיל מער, ווי זי פרעסט אויף.

מיט אירע ווילדע ציין
באשמוצט די וועלט מיט צרות
שמוגעלט דורך א קרוין
באגראָבט אין טיפע נאָרעס.

זי איז אין וועג פאַרלאָפען
צעקייט די צייטונג פרעסע
ווען די טויבען שלאָפען
נעמט זי זיך צום פרעסען.

טרינקט זי אויס דעם ביר
פרעסט אויף די קאַפּוסטע
און פלוכט די פויגעל אָן א שיעור.
פאַרוואָס זי עסט אומזיסט.

ווידער גראָבט זי מינעס
פאַר רעטס אין ערד חזירים
פאַרגרייטען זיך מיט טרונעס
אַלע פאלשע קרובים.

דאַן גראַבט זי זיך דורך באלקענס
אַריינשטעקען דעם עקעל
ווארפט אין פּנים אָנקעל סעם
זיין סוויטע און זיין פלעקעל.

היינט גראָבט זי זיך דורך ימים
די מויז אין מייזעשע קנעפ
איך קענט איך ניט פאַרסמ׳ען
שטעלט אוועק א טרעפ.

אויס מלחמה

דעם טומעל פון גיהנום
הערט מען דאָ דעם געוויין
און מען זעט ווי זיי ברענען
ווי עס קריצען די ציין.

עס קאָכט אין אַ קעסעל
ביז פייערדיג רויט
און פלוצלינג שפּרינגט איינער
ארויס פון דער הויט.

ער שפּרינגט אויך ארויס
פון קייט וואָס געשמיט
און שמיט איין דעם תליון
אין די זעלביגע טריט.

נאָך פיל פּיראַטען
וואָס געשיקטע אין מאָרד
בינדט ער זיי איין
אין זיין פלאַקסענע באָרד.

ער שלעפּט זיי צום משפּט
צו נעמען נקמה
דערווערגט ער איין היטלער
און עס ווערט אויס מלחמה.

אין קריטער וואָלקיינאָ
וואָס שטורמט פון פלאַם
וואַרפט ער די פיראַטען
אַראָפ אין דעם תהום.

ער ברעכט און ער רייסט
און שנייט ווי אין קרויט
עס קען נאָר אַזעלכער
וואָס שפרינגט פון דער הויט.

ש

די וועלט איז איבערגעדרייט

פינף און דרייסיק יאָר
בין איך אַ שוחט געווען
געקוילעט בעק און אָקסען גאָר
אויך פיל אַלטע הענער.

אַ שווערען לעבען מאַך איך
אַ בלוטיג שטיקעל ברויט
דרימלענדיג בעטראַכט איך
ווי אָקסען ווערען טויט.

חלום איך חלומות
אין שלאָף לאָז מיך ערינערט
אַז עס סטרייקען ציגען הינער
און מאָגערע בהמות.

דאָך איך באַטקען אַזויפיל אָקסען
און מאַך קוים כשר איינעם
ווייבער וואַרטען מיט די לאָקשען
עס טומלען זיך די קונים.

ביז די וועלט האָט זיך איבערגעדרייט
מען זוכט ניט קיין כשרות אלויִט
היינט קלייב איך בהמות צונויף
און קוילע זיי אַלע אויף טריף.

א באלדיגער טרייסט פון דעם הימעל

אמעריקא אייזערנע אָרימס
איז נאַר וואָס אריין אין דער קריג
מאַרטירער פון אַלערליי פורימס
מיר מוזען געווינען דעם זיג.

פאַר דיר יעצט מיין קינד איז די ברירה
פאַר דיר איז דאָס איינציגער גליק
גאָט איז מיט דיר האָב קיין מורא
וועסט קומען בשלום צוריק.

דיין מוט אז א שטאָלצער, א ריינער
פון לומדים א קלוגענדער קאָפּ
פלי העכער אַריבער דעם שונא
און וואַרף אים פון דאָרטען אראָפּ.

די מלחמה וועט לאנג ניט געדויערען
בעל חובות קויפט אוים זיך מיט געלט
געצייגט האָט פון הימעל א שטערען
די באלדיגע פרידליכע וועלט.

א צירק מיט פּאַקירען

גרויסע און קליינע אַקטיאָרען
פּאַרטרעטען די ערד קוגעל בינע
זוכען פון טויזענטער יאָרען
די ענד פון דער וועלט צו געפינען.

די ערד קוגעל טראָגט אויף אירע פּלייצעס
דאָס מענטשליכע וויסענשאַפט און זינגען
האַלט עס א צייט פאַר די לייצעס
און טהוט אייך צוזאַמען דערשלינגען.

די אַלבאַסטאָר צושפּרייט אירע פליגלען
און באַדעקט די אייז קאַלטע בערג
פון זידפּאָל די קלאָרע ווייסע זעגלען
געפינען דעם הימעל אויף דער ערד.

און סאָבמארינס אָן קיינע לופט שיפען
און פליהען דעם ים און די טייך
דאָך ווייסט איר אין מאסען ביי זיך
אַז די פויגעל איז פלינקער פון אייך.

די ענד פון דער וועלט איז דאָ אוואו איר ווערט
פאַרלאָרען.
די בינע אומזיסט טהוט אייך פירען
דאָ דאַרף מען ניט זיין קיין געבילדעטע אַקטי־
אָרען
מען קען זיין א צירק מיט פּאַקירען.

וואו ביסטו יהודה

איך האָב אין הימעל דיך געזעהן
דו ביסט מיין ברודער דאָרט געווען
פון דעם הימעל ביז דער ערד
דיר די תורה, מיר דעם שווערד.

דו האָסט די תורה ניט דערקענט
ביז משה אַליין אויף זיינע הענט
אין מצרים קנעטען ליים
שווער געארבייט פאַר א ביין.

אין דער מדבר פערציג יאָר
באַלד פאַרפירט א נייעם דור
אויסגעוואַנדערט זיך, צושלעפט
פון שטאָט צו שטאָט ווילד פאַרגרעבט.

אין דער ברייטער וויטער וועג
האָסטו געפילט מיין שאַרפען שווערד
יעצט וויל איך זיך מיט דיר ערשט שפילען
מיט מיין שטאַרקען רוט פון ווילען.

צי פון נאָהענט, צי פון וויט
זוך אין דיר אַ לאַנגע צייט
נאָר דיך צו דערטאַפּען איז מיין מעטאָרע
אוואו ביסטו יהודה

אין שפּאניע זיך געשמד'ט
גאָר קיין מוטער ניט געהאַט
אויסגעגאנגען מיטן גוי
נישט דערקענען דיך נאָכן אוי.

פארביטען דיין היים
געוואוינט אין אַ גלאָק
פאַרשניטען די קוה
געמאָלקען דעם באָק.

און מיט שפּאָרען ווי א האָן
זיך פאַרשפּארט דעם אויבענאָן
אַ גרוב געגראָבען פאַר א מייל
אַליין פארשאָטען זיך דערווייל.

אין דיין סדר נאכט געכאפּט
דיינע שפּאָרען אָפּגעקלאפּט
פון די פייער פלאמען צינגער
דורכגעקראָכען דורך די פינגער.

נאָר מיט איינמאָל ליכט און גלאנץ
זיך אויסגעפּוצט צום נייעם טאנץ
גאָר נאָך דער נייסטער מאָדע
אוואו ביסטו יהודה ?

אין רוסלאַנד פון דיין גרויסע מאכט
האָסטו פון דעם גיפט פאַרזוכט
אויסגעמישט און אויסגעלעקט
פולווער פעפער פריי געשמעקט.

ניכטער מיט א רויטער נאָז
פושקע טאבעק בלאָז נאָך בלאָז
אָפט געטאנצט גאָר אויף א שטריק
אויף הינטען פרישעדקעס צוריק.

און געשפרונגען דורך ארויף
ארום מיין פלויט און אין מיין הויף
פון די דערפער דיך געוואָרפען
און ווילד אין וואַלד ביסטו געשלאָפען.

פון וואַלד געפירט דיך אויף א קייט
אין אַ בערישען טאַנץ געדרייט
פון דיין טאנצען טאראראם
באַלד פערשוואונדען איבערן ים.

צי דער טרייבער, צי דער בער
א פערטראַכטער קאלטער טרער
דיין פאַרבאָרגענע פעריאָדע
אַוואו ביסטו יהודה ?

דער עלענדער איז היינט דער איד
מען שנייט אים ביז אין לעצטען גליד
אין אַ פרעמדער לאנד דער ברית
פון זיין הויט א שניט, א ריס.

שנייט מען לעקאך, שנייט מען טאָרט
צווישען ליגט דער אידעל דאָרט
מעסער זעגען שארפער הויט
פון די פעקלאך אויסגעשפרייט.

קלינגען שאַשקעס פונקט צום כלל
ווען די קינדער איז מען מלה
פון באַרבאַרען דורך ארום
קוקען אויף די קינדער קרום.

אין א האָספיטאל א קעלער
וואו דאָקטוירים מאכען בעלער
ווייל זיי טאַנצען דורך אזוי
ווערען פאָרלאך בלויז פון שטרוי.

ברייגנט מען ענדיקעס און גענדז
פון איטאליע צי פון פרענדוש
און פיראטען גאָר אומזיסט
מענטשען פלייש צוליב דעם פיסט.

מען קומט פון גיהנום צו דער סעודה
וואו ביסט יהדה ?

דניאל

עס הערט זיך א שטימע
פון פאַרקען דורך שפּאַלטען
טרויעריג זינגט ערגעץ איינע
געקוקט האָב איך דורך
ווי עס האָט זיך בעהאַלטען
א פרוי מיט א קינד, א גאנץ קליינע.

מיט ליבע צום קינד
דערציילט זי איר קלאגע
און זי האָט אים מיט טרערן פאַרשלאָפען
אליין געפרעגט
און פאַרענטפערט די פראגע
זינגענדיג וואָס עס האָט געטראָפען.

היינט איז דניאל
א שטארקער, א גבור
אָן פריינט, און האָט גאָרניט ניט קיינעם
זוכט ער זיין ראכע צו נעמען
פאַר זיין מאַמען דערריבער
און זוכט און געפינט נישט קיין איינעם

❦

שבת

אין דער לולקע ציט ער קרעפטעז
און פון דעם טאַביק וואָס ער שמעקט
חיה, מאַך צו די געשעפטען
היינט איז פרייטאג, עס איז שוין שפעט.

דו האָסט פאַרגעסען חריין בעגינעז
שטענדיג ליגסטו אויפן ביך
דו דארפסט די שריפטען גאַרניט קענען
גיי אין גאָרטען, גיכער, גיך.

קום צוריק דעם חריין צו רייבען
בלייבט ניט ערגעץ אויף א בייט
די ציג אויסמעלקען און פאַרטרייבען
פאַרן שבת אָנגעגרייט.

די הייסע זון, די ליכט געטרייע
הויבט זיך אָן אין וועגען צו טוקען
עס איז שוין צייט מיין ווייבעל חיה
צייט איז טשאָלענט צו פאַררוקען.

נעם די שבת׳דיגע טיכעל
טהו דיין קאָפּ צודעקען
ביי די ליכט אָנצינדען
קיין האָר זאָל ניט ענטפלעקען.

ער איז געווען א פרומער
פון מצוות שטארק געהאַלטען
פורים שלח מנות
און פון חיה'ס טשאָלענט קאלטען.

אין דער ליולקע ציט ער קרעפטען
און פון דעם טאַביק וואָס ער שמעקט
חיה, מאך צו די געשעפטען
היינט איז שבת, פרייטאג שפעט.

זשאבאָטינסקים טרויער אָווענט
זיין שאַרפער בליק

מאַסען מענטשען, טרערען־אויגען
צובאגלייטען דיין לויה
מיט די קעפּ אראָפּגעבויגען
אלע ליבע, אַלע טרייע.

ווייל דיין קערפּער איז פאַרניכט
אין א קבר איינגעשלאָסען
אויף דיין אָרט אַ יאָרצייט ליכט
וואָס וועט קיינמאָל ניט זיין פאַרלאָשען.

אייביג לייכטען וועט דיין גייסט
א נייע פאקעל זון וועט ברענען
אַלס דיין הערשאַפט שוועבט און הייסט
דיינע ארבעט צו דערקענען.

דו ביסט טויט, דו ביסט נישטאָ
פערוואנדעלט איז דיין וועג אין טרויער
דאָך דיין ווידער קול איז דאָ
וואָס עגבערט איטליכעס טויבען אויער.

דו האָסט מיט חכמה זיך געגרייט
אַז די גאנצע וועלט זאָל הערען
יעדערער וועט נאָך דיין טויט
צום מלחמה קאמף פאַרשווערען.

דיין נבואה שארפער בליק
אנטקעגען די וואָס שלאָגען אידען
נעם דעם שווערט און שלאָג צוריק
שטרעק דיין האַרץ און האנט פאַר פרידען.

עס שטרלט דיין נאָמען און דיין ווערט
עס רופט דיין געטליך קלאָרער זינען
גיי מיין פאָלק הויב אויף דעם שווערט
עס איז שוין צייט דיין רעכט געווינען.

דיין שוץ פערלאנג אין מאכט און האָפען
עס שאַלט דיין שופר פאַר נקמה
זעלבסטקראפט האסטו אין אונדז בעשאפען
און אין דיין קינדם קינדערש נשמה.

לאָז מיין האנט דעם שונא שלאָגען
מיט איין טרייסט דיין פאָלק טראָגען
לאָז א קרוין דיין עקאָ טראָגען
אָן שטאָט, דעם קעניגס קאָפּ באקרוינען.

זוכען

עס טרייבען די שעפּסען
טאָג איין און טאָג אויס
און זיינען ביז יעצט
פון געפאר ניט אַרויס.

לויפען און פלאָגען
אַ שפּאַן איז איין טראָט
וויפיל זיי יאָגען
נאָר אלץ אויף איין אָרט.

שפּאַנען אין מדבר
אַהין און צוריק
זוכען די וועג
פון פּאַסטוך די טריט.

זיי זוכען דעם קול
פון זיין הייליגען שופר
און זוכען דעם שטיין
פון זיין אייביגען קבר.

זיי זוכען דעם פּאסטוך
אויף בערג און אין טאָל
ווי עס פלעגען די שעפּסען
זיך פּאַרען אָן א צאָל.

זיי זוכען זיין שטאָלץ
זיין מוט און זיין ווערט
און זוכען זיין שטעקען
זיין רוט און זיין שווערד.

דער שווערד איז די צייט
וואָס וועט זיי באַרירען
אלץ ווייטער זיי בלאָנדזשען
פיל מערער זיי שפּירען.

די שעפּסען די קרבנות
און דער טרייבער איז די וועלט
וואָס טרייבט זיי דורך הונגער
דורך היץ און דורך קעלט.

אָט לאָזט עס זיי לויפען
אַהיים דורך א בריק
און ברעכט אָפּ די רייפען
און רייסט אָפּ די שטריק.

פון דער מדבר קיין אוסטראליע
אויף א טורם פאַרקראָכען
מיט זאַמד אין די אויגען
און פּיס אונטערבראָכען.

פון אונטען דער פייער
דער רויך שטיקט פון אויבען
בלינדערהייט פאַלען
אריין צו די לייבען.

פּאַסטוכער

אוואו א יתומ'ל, א פּאסטוכעל
איז מיר אלע מאָל בעקאנט
ווייל פון מיין וויג צום וואשטענדעל
געפירט זיך האנט ביים האנט.

געוואשען זיך, געבאָדען זיך
געמאכט זיך ריין ווי גאָלד
אז דער פּאסטוכעל זיין שוועסטערעל
זאָל אימער האָבען האָלט.

געפיטערט זיינע שעפּעלאך
זיך מיט גרינעם גראָז געפרייט
און די זונשיין לייכטענדיג
מיט שטראלען אים באגלייט.

פלעגען שטראלען זיך צופליסען
אין אַ טייך פון טרערען
האָט ער מיר געלאָזען וויסען
טרויעריג ערקלערען.

געווען זיינען מיר צוויי פּאַסטוכער
אין וואלד און פעלד אַליין
און ביי דערביי פון אידישקייט
ניט אָפּגעטראָטען, ניין.

געטריבען האָט מיין ברודערל
די שעפּסען דורכן שטאָט
און אין זיין קליינעם סידורל
פאַר אונדז געבעטען גאָט.

ער האָט קיין קריאת שמע ניט פאַרפעלט
און תפילין לייגען געטאָן האָפען
און מיט דעם סידרול אין האנט
האַרציג איינגעשלאָפען.

עס ארט אים נישט דער שטורם פלאם
אויך ניט די טייכען טרערען קוואלען
ער וויים אז וועלף וועלען ערגעץ ווען
אים אויף זיין וועג בעפאלען.

אוואו א יתומ׳ל, אַ פאַסטוכעל
איז מיר געווען בעקאנט
פון מיין בעט צום וואשטענדעל
געפירט זיך האנט ביי האנט.

אין אייביגען רו

פיל מענטשען פאַרשווינדען
ווי שטערען אָן א צאָל
און ווערען פאַרגעסען
כמעט מיט איינמאָל.

אפילו א דיכטער
א דענקער וואָס שעמט
ווען ער קומט נאָר צוריק
וואָלט אים קיינער דערקענט.

אַ רייכער, א גביר
וואָס געווים זייער גרוים
צוברעכט מען זיין בילד
ניט קוקען אים אין פּוים.

דאָן ליגט שוין דאָרט בעסער
אין אייביגען רוהה
קוים וויל איינער אויפשטיין
האַלט אים שטארק צו.

באָיקאָט

איך האָב א בלויען טאָפּ געטראָגען
אַ ווייטע וועג קען איך אייך זאָגען
געטראָגען האָב איך עס אהיים
יעדער טראָט און טריט אין ליים.

אַ וועג וואָס דרייט זיך ווי א ראָד
פון דעם קלויסטער ביז אין באָד
א באָד מיט שעפלען גאָר אָן א צאָל
איך בין א שמייסער אויפן פאָל.

מיין ווייב, א טוקערקע, אַ ברען
הערט אוים וואָס עס איז געשען
איך האָב געקויפט איך איין מציאה
ווייל זי איז א גרויסע בריה.

פאר פינף גולדען, מיינע פראצע
האָב איך געהאנדעלט מיט א נאַצי
ביי די נאַצים טריפה סחורה
מעגסט זיך שעמען, האָב ניט קיין מורא.

איך ווייס עס גוט, מען וועט מיך פרעגען
און דריי זיך אוים מיט הינטער וועגען
גיי איך ווייטער, גיי איך מערער
וועט מיר ערגער, ווערט מיר שווערער.

גיי איך ווייטער, גיי איך גיכער
און קריך מיר דורך די הויפען לעכער

גיי איך שטילער, גאָר פאַמעלאך
קומט אנטקעגנעז מיר א גלח.
און א שווארצע קאַץ, א זלאָטקע
וואָס זי קומט ערשט פון דער יאַטקע.

גיי איך דורך די שמאָלע געסעל
פאַלט פון ערגיץ מיר א פלעשעל
וואָס עס טוט מיין מוח שפּאַלטען
קוים זיך אויף די פיס דערהאַלטען.

ווייל איך זיך צוריק אומקערען
לויפט מיך נאָך דער מאָרגען שטערען
וואָלט איך זיך ערגעץ אָפּשטעלען
דורכאויס גוים פרעמדע שוועלען

אָנגעזועצטע מיט ערלים
וועלכע האנדלען די זעלבע כלים
לויף איך מיך פאָרביי די ברעגען
וואָס זיי שניידען מיך ווי זעגען.

איך דריי זיך אוים ביי שמערילס לאָד
וואָס עס איז ניט ווייט פון באָד
איך בין שוין דאָ, איך יאַנקעל געלער
שלעפּ די בלומען דורכן קעלער.

זעט מיין פייגע מיך מיט בלומען
ביז איר מויל הויבט אָן צו שוימען.

שרייט און עפענט אָפּ די טירען
איך וועל דאָס טריפה ניט באַרירען
ניט גענוג ביסט אין סכנה
פון א שונא א מתנה.

אך דו יאנקעלע כל בוייניק
א בראָך איז דיר, צרות ווייניג
און דער חרם וועט דיר שווייגען
מען וועט דיך פון באָד פאַרטרייבען.

גיי און ווארף עס אויף דער גאַס
לאָז עס פאַרברענט ווערען אויף אש
קלייב עס מיט די מיסט צענויף
אהין צום המן מיט דעם לויף.

ווארף ארויף, עס אויף זיין קאָפּ
און זאָג, אָט האָסטו דיר דיין בלומען טאָפּ.

היינט

געווען זיינען צוויי ברידערלאך
ישראליק און יאָסעל
איינער מיט די אידעלאך
דער צווייטער מיט דעם טריף פּסול.

געארבייט אויפן פּארם בייט
צוזאמען מיט דעם עולם
און יאָסעל האָט זיך אָפּגעשיידט
געליבט האָט ער דעם צלם.

פּארמאָגט האָט דאָך ד מאַמע דאַן
די אידישע מאַמע ברכה
אַ גרויסען פּארם מיט א שפּאן
פיל שיינע פערד און סאָכע.

פערדעלאך פּאָרלאך פיר
אין שווארצען און אין ווייסען
געארבעט אָן א שיר
די ערד און זאַמד אויפרייסען.

אזוי פלעגט נאָך די מאַמע
אויף די נייע בייטען
פון דעם ברייטען פּארטוך
קאָרן, ווייץ פּאַרשפּרייטען.

ווען עס פלעגט געראָטען
פאַר די שפּייכלערס פולע
דער שניי האָט שוין געשאָטען
אין שטוב פלעגט זיין די גדולה.

ישראל פלעגט זעגען ברעטער
צו מאכען זיך א הושקע
און פון די גריקע גרויפּען
צונויפגעקליבען די לוסקע.

די לוסקע און די פילקע
פארן טיר פארפלייצען
כדי א גאנצען ווינטער
זאָל זיין מיט וואָס צו הייצען.

יאָסעל וויל זיין רשעות ווייזען
פאַרקויפט ער די שטוב און קאמער
צוברעכט דעם אקער אייזען
און מאכט פון דעם א האמער.

היינט קלאפּט ער מיטן האמער
ער זאָגט ער וועט צושטויסען
די וואָס לערנען תלמוד
און אַנדערע וואָס ווייסען.

ווייטער וויל ער קריגען
די קלוגע אסטראָנאָמען
ער שרייט זיי זאָגען ליגען
און ווייסען ניט פון קיין טאמען.

זיי טרינקען ניט קיין וויין
און עסען ניט קיין פעטען
ווייל פעט איז נאָר א שוויין
זיי זוכען נאָר פלאנעטען.

יעדערער האָט מורא
די וועלט וועט ער פאַרניכטען
וועלכע קוקען אין דער תורה
און אין די הימעל שיכטען.

יעצט מאַכט ער ביקסען גאָר אָן א צאָל
ער וועט עס וועלען ברעכען
אויף די קינדער פון ישראל
און פרובירט עס אויף זיין שכן.

היינט גייט ער מאכען ווידער
לופטשיפען און פיל האַרמאטען
צו הרגענען זיינע ברידער
און פון יענער וועלט זיין טאַטען.

❦

ליבע און גאָטעס ברכה

צו ליבען זיך אָן גאָטעס ברכה
איז ניט קיין אמת'ע ליבע נאָר שפּאַס
שולדיג איז ניט די משפּחה
וואָס דערטרינקט דיינע יאָרען אין האַס.

אָן גאָט ווערט ניט קיינער געבאָרען
אָן גאָט ווערט קיין זאַך ניט צושטערט
מעגסטו די וועלט ארומפאָרען
וועסטו קריגען וואָס דיר איז באַשערט.

דיינע פּראָבלעמען ווערען נישט פאַרענטפערט
דיין צווייפעל איז אין איין באשלוס
דיין שקלאַפען קייט האלט דיך פאַרפענטעט
וואָס טרייבט דיך צום קאַמף אין א חלום.

דיין טאָג איז אויף שטונדען געמינערט
די זון האָט דיר קליינליך געלייכט
די צוקונפט האָט דיך ניט געקימערט
ווייל דו האָסט פון דיין יוגענט געווייכט.

דו זעסט ווי דער מילעכעל דרייט זיך
פון שטורמווינט, גאָר אומבעוואוסט
דאָך זעסטו קיין זאַך וואָס עס פרייט זיך
און באַלד בלייבט ער שטיל, און אויך פּוסט.

דאָך קוקסטו הויך צו דעם הימעל
דאָרט זעסטו דאָך אויך ניט קיין גליק.
ווי די נשמה'לעך נעמט מען ארויף
און באַלד שיקט מען זיי אָפּ צוריק.

קוקסטו צווישען די בלומען
זאָגושע מיר וואָס זעהסטו דאָרטען
עס שפּילט זיך א ווייס בלויער מלאך
און פאַרשפּילט זיך צום טייפעל אין קאָרטען.

קוקסט צווישען די בוימער
וואָס כליפּען און האַלטען זיך פרעמד
דיך דאַכטענדיג זיי קושען זיך כלומרשט
דאָך שילטען זיי זיך שטיל און פאַרשעמט.

צווישען די קברים גאָר זיכער
אוואו פאָרלעך געווים פאַסטען זיך צו
קוקסטו דאָרט ווייטער און טיפער
געפינסטו דאָרטען אויך ניט קיין רוה.

קוקסטו צווישען די בלומען
בלומען פון שענסטע גימעלען
זיי קנייפּען זיך ווי צו בעקומען
די פאַרב אין די בעקעלאך שטעלען.

קוקסטו איבער אַן אַלט ווירדיגען בלאַט
געפינסטו ניט קיין איין גוטע מערכה
אַלץ וואָס דו זעסט איז ניט גלאַט
ווייל געליבט האָסטו אָן גאָטעס ברכה.

די פערבאָרגענע שפּראך

איך וואָלט זיך פאַראייניקט מיט בוימער אין
וואלד
אויב איך וואָלט פארשטיין זייער לשון
און טיילען מיט זיי מיינע לײדען אין האַלב
וועלכע עס ווערט מיין הארץ אויסגעגאָסען.

די בוימען געשפּרעך איז ווירקליך פאַרבאָרגען
איר וועזען איז שטרענג צום פאַרברויכען
אונדזער הייליגער חוש אין דער טומאה פאַר־
דאָרבען
און מיר קענען ניט צום בוים שפּראך דערגרייכען.

די בוים ווערט געוואקסען פון פיל עלעמענטען
איר נאטור איז וואונדערליך שיין ווי געוויינטליך
אנטוויקלען זיך קערפּערליך פּראכטפולע פרוכ־
טען
און צאָלט ערליך ארוים איר טעקס גאָר ברייט־
ליך.

בעטראכט איך איין איינציגע ווערבע אַזעלכע
געווים פון יאָרען האָט יעדערער געקענט
קומט אָן א שטורם מיט פייער פון וועלכע
דונערען, בליצען, און האָט איר פאַרברענט.

אין לופטען דאָס רויך וואָס האָט פאר א ווערט
פאַר וואַסער בלייבט אויך ניט קיין סך
דאָך ציט זיך צום באָדען א קליין ביסעל ערד
צום פייער איר טייל, און די שפּראך.

דער ווינט

וואָס דרייסטו זיך דו ווינט אין מיינע וועגען
און פֿאַרבלאָזט דעם געפֿאלענעם שניי
דו ראמסט אוועק, וואָס עס קומט דיר אנטקעגען
מאכסט אָן שאָדען, ווי דו טוסט זיך א דריי.

דו ווייסט גוט אז די מענטשען האָבען דיך ניט ליב
פֿאַרוויקלען פֿון דיר זייער פּנים
צום בעהאַלטען זיך פֿו דיר מאכען זיי א שטוב
און ריידען פֿון דיר, ווי שרעקליכע שונאים.

גיי דיר אין וואַלד, מאַך דיינע פֿלענער
דאָרטען ביי די ביימער, וועסטו מער חן געפֿינען
אויף די פּוסטע פֿעלדער, זיין וועסטו שענער
ביי די גרויע בערג, דיין נאָמען פֿאַרדינען.

צי ביסטו א זאך, וואָס מען קען דיר אַ וואָרט געבען
און דו וועסט טאָן, וואָס מען וועט דיר הייסען
אין וואַלד, וועט דיין שטימע, אַ ליד דיר אויסוועבען
וועסט זינגענדיג קענען זיך גרויסען.

אָן שרעק

טווינקעלט איר שטערענדלאך
טווינקעלט מיר ליכטיגער
לייכט מיר צו אין וועג מיינע טריט
איך זאָל זען די ברידערלאך.
פרייליכער, ציכטיגער
צו גאָט און צו לייטען צוריק.

טווינקעלט איר שטערענדלאך
צושאָטענע קערענדלאך
צוזייט און צושפרייט ארום דער וועלט
ווי פון ספרים שיימעלאך
צובראָכענע בוימעלאך
די בלעטעלאך פלאטערט פון קעלט.

באַשיצט זיך פון שטים גיך
אונטער די בערג קריך
וועסט וואקסען דורך ערד און דורך שטיין
מיט בלומען און צווייגעלאך
פויגעלאַך, טייבעלאך
וועלען באשיינען דאָס אידישע בוים.

יעצט אונדזערע קינדער גרייט
געהן אנטקעגען טויט.
מאַרשען מיט שטאָלץ און אויך פיין
געוואוינט זיך און שרעקט אייך ניט
מיט ביקסען און שווערד קאָמפּליט
ווייל מלחמה וועט צו יעדער צייט זיין.

קליינע מענטשעלאך

מיר זיינען קליינע מענטשעלאך
אין מילבען שטויב געשפּילט
ווי מוראשקעס שוועלבעלאך
שלעסער זיך געבילט.

דורך די שלעסער פּעלזען גרויס
ווי שפּיזען דורך געבויערט
אין דעם קראַטער לאַווע הייס
אַליין זיך איינגעהאמערט.

ארום דעם פייער זיך צוגליט
פון קנייטעל ליכט צושמאַלצען
אין דעם חלף איינגעדרייט
מיט די מילבען האַלצען.

מיט די לופּטשוים אָנגעשוועבט
אין זשמייען זיך געטראָפען
פון די געזגיפט אָנגעשעפּט
יעצט וואָס מיר פארמאָגען.

דורכן מילשטיין דורכגעזופּט
ארום דעם ברעג צושאָטען
מיט דאָס מעיל אין קנופּ פארקניפּט
און די טייג פאַרקנאָטען.

דורכן רויטען ים געשטראָמט
מיט די רויטע פאָנען
דורך די שטראַלען תהום געשטראַלט
וואָס קליינע מענטשען קאָנען.

געקראָכען דורך שפּאַקטיווע גלאָז
און דורך די נאָדלען שפּאַלטען
דורכגעקראָכען ביז צום נאָז
און זיך פאַרן קאָפּ דערהאַלטען.

ווי אומגעריכט קומט אָן דאָס ליידען
צום משפּט אונדז צו ברענגען
צי אויף שטיקער זיך צושניידען
צי אפשר גאָר אויפהיינגען.

דאָך געברייננגט האָט אונדז צום שייטער
א קאַלך אויוועך צוגליט
וואו מיר האָבען זיך אויסגעלייטערט
אין דעם תליון איינגעשמיט.

וואָרום א בת קול פון די שיכטען
האָט גערעדט און האָט געהייסען
מען זאָל די אידען ניט פאַרניכטען
ווייל עס עס וואָס מיר אַלע ווייסען.

עס לעבט אונדזער משה

עס לעבט אונדזער קעניג
וואָס לענדער פאַראייניגט
און היט אונדז פון אלעם שלעכטעץ
דאָס פרילינג און ימים
געריייניגט דורך פלאמען
דאָס יאָך פון דעם אידישען קרעכץ.

עס לעבט אונדזער משה
דער העלד פון רבותי
פון דעם אלמעכטיגען גאָט דער שליח
וואָס טייטעלט פאר פרידען
פיל מערער פאַר אידען
געווים איז אונדזער משיח.

אנטקעגען עמלק רצח
באוועגט זיך מיט שווערד און כוח
באַזיגען דעם שונא
מיט הילף פון דער לבנה
און מיט הילף פון אונדזער מלאך משיח.

די ציגיינער

עס טאַנצען די ציגיינער
ארום די פעלזען שטיין
רופען זך די היינעם
טראָגען קרענצער קרוין.

רופען זיך מיט נעמען
פון קיסרים שטאַם
א פּאַראַד פאר ווערען
אין אַ ראַד געראַם.

משה מיט די לוחות
שלמה מיט די דוכעס
דוד מיט זיין פידעל
אן אויסגעדאַרטער אידעל.

קומט אָן א פּרינצעסען
אין ציגיינער קליידעל
זי האָט נאָך ניט פאַרגעסען
וואָס זי איז, אַ אידיש מיידעל.

ציינער ווייסע פעריל
אויגען פייער בליצען
שווארצע האָלדז קאַרעלען
טהוט איר לייב באשיצען.

ווינט אָן אקאַטאָוועס
צו די שטערן שיין
און בעט די אלע אָבות
פאַר איר פאָלק און מיין.

גע̈פלאָגט

ווען איך בין אלס קינד ארומגעקראָכען
א איד צו זיין איז מיר באַשערט
וואָס איך האָב זיך אויסגעשפּראָכען
האָט זיך מיין שטיין איינגעהערט

אין דער וועלט בין איך נאָר איינער
עלענד האָב איך זיך געפּלאָגט
צווישען פעלזען גרויסע שטיינער
האָט זיך מיין שטן איינגעהערט.

איך האָב געשריגען מאמע, טאַטע
ווי עס רופט איין טרייע קינד
געענטפערט האָט מיר אהאם לויסאַטע
דו ביסט נאָך יונג און ריין פון זינד.

געהיט האָט דער שטן מיך פון סכנה
אין מיר געוואקסען און זיך געפרייט
איך זאָל באזיגען די מלחמה
פאַרפאָלגען דעם שונא ביז אין טויט.

איך וועל ניט שלאָפען, איך וועל ניט רוהען
כל זמן איך זעה דיך ביי מיין זייט
איך וועל מיין האָפען אויף גאָט פארטרויען
און מיין נאָמען פון דער צייט.

צווישען שטיינער

צווישען טורימס הויכע שפּיצען
זיצט א טויב א ווייסע
פון די שטורימס דונער בליצען
שלינגט זי פייער הייסע.

האַלט אין מויל א בריוועל אָפּען
ווי א בלעטעל פון א בוך
גוטע בשורות פרייד און האָפען
פילע ווערטער זעט מען דורך.

און דער ווילדער ווינט ער בלאָזט איר
זי קען מער דאָרט ניט רוהען
דאָך דעם בריוועל זי פאַרלאָזט ניט.
און לאָזט זיך וויטער פליהען.

גרייט און פעסט, מיט אירע פלענער
און פליט דורך וואלד און שטראָמען
בריינגט איר נעסט, צווישען שטיינער
וואו עס וואקסען ווייניג בלומען.

די פערבאָרגענע האנט

א פרוי וואָס געזעסען אין פריזאָן
אין אנגסטען און אין ביטערע נויט
זי איז מורד במלכות די ריזען
מען האָט זי פארמשפּ׳ט צום טויט.

מאטערען קוועלען איז ווייניג
אַ וועג פול מיט טרערען און בלוט
מען פירט זי אַריין צו דעם קעניג
פריילאך צום טויט פול מיט מוט.

ער קוקט זי אָן און דרייט מיט די אויגען
דער צורר יהודה, דער גוי
זי ענטזאגט פאַר אים זיך צו נויגען
מען פירט איר ארויס דורכן סטראָי.

ער פרעגט ביי איר, פיליכט וויל זי זיך טויפען
ער וויל א ראט באַלד דאָ געבען
זי זאָל פערשפּאָרען צו דער תליה צו לויפען
זיך צו רעטען איר יונגען לעבען.

זי פאָלגט ניט און נעמט זיך די מיה
ביים זייט מיט די שרעקליכע שונאים
עס וועט בלייבען א קריץ אין דער תליה
א בילד פון איר געטליכען פנים.

מען פירט אויף א בארג איר באזיגען
און איבערן בארג אראָפּ און אראָפּ
זי פאלט אויף א שטיין און בלייבט ליגען
און קען ניט מער הויבען דעם קאָפּ.

עס איז דאָ א ברונעו זיי דענקען
קלאָרינקע וואַסער געווען
זיי צוזעצען זיך אלע צו טרינקען
און פאַרגעסען גאָר, וואָס איז געשעהן.

זי וויל כאפּען דאָס וואסער און טרינקען
גאָט שענק מיר דעם לעצטען מאָל דאָס גליק
הויבט אָן דער תליון צו ווינקען
און כאפּט איר און שליידערט צוריק.

ער האָט איר אין שמייסען געהאלטען
צו קאלט און צובײלט איז דער פּנים וואָס שיין
האָט דער אייזערנער שטיין זיך צושפּאָלטען
פאראומשולדיגען משפּט געווין.

געצייגט האָט זיך וואָס פון די לעבער
א שכינה, א געטליכע זאך
אַ האנט האָט געהאלטען א בעכער
און געגעבען איר טרינקען א סך.

עס האָבען זיך ציינער באַוויזען
און אַ שעפּס אויף איר אָרט גיך און באַלד
וואָס האָבען די קייטען צוביסען
און די האנט האָט פאַרפירט איר אין וואַלד.

אין וואלד האָט א קארעטע געריטען צו א פּאלאץ
וואו גאָלד איז געלעגען אויף יעדער שפּאן
האָבען זיך אירע קליידער געביטען
ווייל די פרוי איז געווען גאָר א מאן.

פערטראָגנען

ווי קענען קליינע מענטשעלאך
די גרויסע פעק פערטראָגען
פון זיך אַליין אנטלויפען
נאָך אומגליק זיך נאָכיאָגען.

ווי קענען אלע פישען
אַזוי פיל וואַסער שלינגען
און אַלע טייכען פליסען
די יוגענט צוריק ברייגען.

ווי קען אַן אָדלער פליגלען שווארץ
די ערד קוגעל פאַרדעקען
ווי קען א קעניג א מיליאָנער
נאָך ברויט בעטען ענטפלעקען.

ווי קען א מוטער אָן פאַרדראָס
צי קען א שטומער רעדען
ווי קענען העצער פון איין שלאָס
זיך לעבעדיג צושיידען.

ווי קענען שווארצע ציין
די גראָבע שטריק צובייסען
נישט מער ווי איך אַליין
די גלות קייט צורייסען.

בילכער

פרייד און גליק און וואונדער
איז ניט אין מיר באשאפען
דערפאר איז אין מיינע קינדער
מער וויפיל זיי באדארפען.

איך בין ניט קיין גליק פאר איינעם
ווער וויל זיך מיט מיר פרייען
עס וואונדערט אויך ניט קיינעם
און קיינעם, מיין שמייכלען מיין טרייען.

קינדער זיינען אימער בילכער
דארום בין איך גליקליך געערדט
איך וואלט קיינמאל ניט געווען גאר זיכער
אויב די זאך וואלט געווען פארקערט.

ש

די וועלט און די וואונדען

די וועלט איז דערטרונקען אין וואונדען
פון אַלערליי פעלקער קרבנות
אטאָמיק אין פלאם אָנגעצונדען
געבראכט צו די קברים מתנות.

די גייסטער פון טאָג זיך פאַרמערען
פון צעטראָטענע הערצער מיט שימעל
די רינענדע בלוטיגע טרערען
פאַרנעבעלט דעם בלוי זילבער הימעל.

דאָ האָבען זיי זיך אין פאָרהאנג פאַרדרייט
ווי דער פאסטוך מיט די שעפּסען אין טאָל
אָט האָבען זיי זיך אין פאָרגאנג פארזייט
צום אויסוואקסען אַלע אין סטוואָל.

די מענטשהייט אין פאַרפעסטיגטע וואונדען
עס בלוטיגט די גאנצע וועלט
זיי האָבען די קעפּ זיך פאַרבונדען
מיט דעם ליידיגען פּאַקעט פון געלט.

דער קאָטער ער האלט זיך ביים הענטעל
און גרייט זיך און נייט זיך א בייטעל
ווען עס וועט פאַלען די אייזערנע ווענטעל
וועט דער קאָטער זיך כאפּען ביים טייטעל.

ער וועט טייטלען ווי די וועלט צו באַזיגען
און דרייט מיט דעם קאָטערשען עק
פון דער וועלט מיט די וואונדען וואָס ער וועט
קריגען
איז פון פאַרבלוטיגטען טאביק א שמעק.

אַ בלינדער סאָלדאט איז אַרוים ערשט פון פריזאָן
און ער האָט זיך געוואָלט מיט בלינדע באקענען
א דאנק דיר גאָט, זאָגט ער פאר דעם ריזען
די מלחמה וועט מיך מער ניט נעמען.

איך האָב ניט קיין מורא פאר שונאים
פאַר בלאָטעס פון בלוטיגע האנטשען
איך זע ניט קיין קלוגע נאַראָנים
אויך שדים וואָס קוקען ווי מענטשען.

איך זע ניט דעם גיהנום פון שקלאפען
דער אור חושך איז דאָ ביי מיין הארץ
וואס האָב איך וואָס ווער איך בעדארפען
אַז אַלעם איז פינסטער און שווארץ.

א יוגענטליכער מאַן, גאָר א ליבער
האָט געלאָזען די ווייב מיט דעם מאָרגען
איז געפלויגען איבער ימים און גריבער
דאָס קינד וואָס וועט קומען פארזאָרגען.

פארזאָרגט האָט ער איר מיט א כוח
און ער האָט איר קיינמאָל ניט געשריבען
געהאט האָט זיין ווייב גאָר א צווילינג
און איז קוים לעבען געבליבען.

זי האָט זיי געטוליעט צום האַרצען
די אָרימע קריינקליכע מוטער
ווען זיי זיינען אלט געוואָרען אכצען
צו דעם זעלביגען שוועל פון דעם פאָטער.

זיי זיינען אוועק אין מיטען דער נאַכט
פיל שטעט און פיל דערפער גענומען
און אויך גאנץ אַליין געפאלען אין שלאכט
אהיים מער קיינמאָל ניט געקומען.

יעדער דור

יעדער דור פון ווייטען
זעט איך בליצליכט איינבונד
פילט די ליבע צייטען
אין א שווארצען אָפּגרונט.

אָט זעה איך מיין רוסלאנד
פרייהייט, רויטע פאָנען
צאפּעלט זיך און בלוטיגט
פון העסליכע שפּיאָנען.

איך זעה אויך דאָרט מיין היימאט
א ציכטיגער, א פיינע
און צוטראָטענע מצבות
די אַלטע לוחות מיינע.

אָט זעה איך דעם בית המקדש
גינגאָלד האַרפען שפּילען
פאַרוואנדעלט אין א חורבן
אָפּגעמעקטע תפילין.

קלאנגען פון פרישאלען
בלאָזט משיח שופר
אין פייער שטורים קוואלען
וואָס רייסט אים אויס פון קבר.

אָט ביסטו א גבור
פון די שטאַרקסטע בערען
און א שקלאַפען בעטלער
און קנעט די ליים מיט טרערען.

פאַר יעדער דור צוויי וועגען
וואָס ווערען באַלד פאַרשאָלטען
מיט דיין אָטעם שווערען
איז דאָס הילף פאַרבאָטען.

די זעקסטע מגילה

עס זיינען די שטערן אין הימעל געמינערט
געפאַלן מיט די קעמפער פון אידען
דער פאַל, האָט מלאכים קיין איינעם געקימערט
פאַרנאַרט איז די גאָטהייט פון פרידען.

פאַרלוירען, פאַרלאָזען איז גאָטעס בטחון
פאַרזינדיגט איז די אַלטמעכטיגע אָבות
וואָס אַרט זיי דער יאָמער, פון הערצרייסענדע
בראָכען
טויט שטראָף איז ביי זיי איין קאַטאָוועס.

פאַרבאָרגענע נסים אין מיסטיגען ענגשאפט
וואָס העלפט די פאַרגעטערטע תפילה
די וועלט איז פאַרנומען מיט צרות געוואוינט־
שאפט
קיין פלאַץ פאַר א זעקסטע מגילה.

נאָך דער חתונה

ווי די גראָזען איז גרין
איז דיין לייב ווייס ווי שניי
איך זע דיין געשטאלט מיט מיינע אויגען פער־
מאַכט.
עס טרייבט מיך פון זין
דיין קער און דיין דריי
פון דיין ליכטיגען פנים אין שלאָף טיף פער־
טראכט.
ווי צארט און ווי זיס
ווי שיין און ווי פריש
דיינע באַקען ווי ראָזעס האָבען מיך געצווינגען
אונדזערע הערצער געשלאָסען
פון כלה און חתן
דער חזן פון ליבע האָט אונדז באזונגען.
באַלד אין בעגינען
ווען א שטערן נאָך לייכטען
אין פערזענליכקייט ווערען צופרידען.
ווען מיר זיך געפינען
אין גליק און אין רייכטום
פון טוי ווייס בליהען די בלומען פארשידען.

די יוגנט

ווי צארט איז דיין לייב
ווי אַ טוך ווייסע סאַמעט
ניט ליבען דיך, קען איך ניט העלפען
דו ביסט יעצט מיין ווייב
אונדזער האָכצייט געפּראוועט
מיט ליבע, וועל איך דיך פאַרשלאָפען.

איך וויג דיך אין מיינע אָרעמס
ביז טאָג וועט ערשיינען
און די ליכטיגע שטערען פארשווינדען
חלום שיינע פאָרעמס
פון גערטענער ווינען
פון יעדער זאך וואָס האָט אונדז געבונדען.

אויף מאָרגען בעגינען
וועט איין פרייד דיך פאַרזיסען
און די זון, מיט קושען ענטפלעקען
דער טוי וועט געפינען
פּאַרפיום און צוגיסען
אין בליהענדע בלומען וואָס שמעקען.

❦

די זיסע לבנה

דיינע העל בלאָנדע האָר
און די אויגען שטארק בלוי
געליבט האָב איך דיך נאָך פון פריהער
דערלעבט קוים דאָס יאָר
און די גליקליכע שעה
עס שיינט מיר די זון דורכן שלייער.

מיין שאַץ, מיין פאַרמעגנען
גייסט מיר אנטקעגען
די זון האָט א גאָלדענע צוקונפט פארשפרייטען.
מיר זאָלען ניט פאַרזאָמען
דער באַן וועט אָנקומען
און די זיסע לבנה וועט אונדז באגלייטען.

שפעטער, בעגינען
וועל איך דיך באַזיצען
און דו וועסט ווערען מיין געזעצליכע פרוי.
מיר וועלען געפינען
פרייד און פאַרזיסען דעם לעבען
ווי עס בליהען די בלומען פון טוי.

ש

זייער פאַלשער משיח

אין הימעל דער שטערן דזשופּיטער
טראָגט אויף זיך גאָלדענע בערג
ער וואַרפט אָפטמאָל אראָפּ פון די גיטער
אָבער עס קען ניט דערגרייכען די ערד.

אין הוילען פון ריינע בריליאַנטען
און קוילען פון גרויסע דימאַנטען
אוצרות אין אָפענע גריבער
און קליידער פון גאָלד און זילבער.

אָפט ווערט עס צושאָטען אין שטערען
דורך שוואַרצע וואָלקענס קוים טווינקלען
אויף די וועלכע ליבע ערקלערען
און אויף די ערדישע פינסטער ווינקלען.

דאַן טראַכטען זיי איבער דעם קוואַל פון נקמה
און לאַכען פון דער ערד קוגעל וועלט
ווי אַזוי דאָ האַלט מען מלחמה
מען שלאָגט און מען קוילעט פאַר געלט.

א סאָלדאַט האָט דערהרג'עט זיין ברודער
און טראָגט זיך די פרייהייט אין בינדעל
זיין לעבען א שיף אָן א רודער
זיינע יאָרען א וועב אויף א שפּינדעל.

אייגענטליך מיידעל א ריינע
פאַרטראָגט איר פרייהייט אין שיך
ווען זי לויפט אין איר וועג נאָך דעם שונא
אנטלויפט זי אַליין גאָר פון זיך.

דאָך וועט איר די וועלט נאָך פאַרזאָרגען
און מאכען פון איר ערשט א גולם
ניט שפּעטער ווי היינט אָדער מאָרגען
וועט מען שטעלען נאָך איר באלד א צלם.

די וועלט איז אין גאַנצען פאַרנומען
מיט צלמים, מיט משחיתים און רוחות
זיי זאָגען אז משיח וועט קיינמאָל ניט קומען
ווייל זיי זיינען די פאלשע משיחות.

ברידער מיינע קינדער מיינע

וואו זענט איך מיינע ברידער
געמעגט זיין מיינע קינדער
קיין מאַמע פאַר אייך געווים בין איך ניט
מיין קלענסטער ברודער אידעל
געוויגט אים אין א וויגעל
איך וואָלט געגעבען פאַר דיר מיין נשמה און
גליד.

דער צווייטער ברודער דוד
געברייגגט האָסטו פיל כבוד
דו ביסט געווען א רב און קלוג דערצו
איך גיי אין פעלד דאָרט זוך איך דיך
ענטפערט מיר א מלאך גיך
ווען איך שריי און רוף טאהו, טאהו.

קענסט עס טאָן

גאָטעניו שענק מיר
א טרייסט צו מיין נויט
פאַרהיט מיך פון פיינט פון באטריגער
ברייננ מיר דאָס לעבען
אָבער ניט דעם טויט
העלף מיר צו בלייבען א זיגער.

נאָכאמאָל באַלוין מיך
מיט באַגייסטערונג און פליכט
ערפיל מיין פארלאנג אלץ א גבור
נאָכאמאָל באַקרוין מיך
באלייכט מיין געזיכט
און ברייננ מיך צו מיין היים צו מיין ליבער.

עס איז ניט אזוי גרינג
נאָר דו קענסט עס טאָן
מיין אייביגקייט, האָב איך אין דיר פארטרויט
איך האָב ניט פאַרדינט
דאָך בעט איך און מאָן
און איך בין פאַר דיין ווילען פאַרבערייט.

ש

די קאָרטען

אין קיין קאָרטען גלויב איך ניט
מיר ווייסען ניט ווי ווייט צו גיין
הויכע דרכים אויף די טריט
דעם סוד ווייס נאָר די קאָרט אליין.

איך טרעפט ניט קיינס. וואָס קאָרט באַדייט
פארשטייט איך נאָר, א טרער, א שעלט
דאָס טיפער תהום פון מענטשען ווייט
דער סוף איז הויך, פון אייך פארשטעלט.

קוקט זיך איין דאָס קאָרט גימעל
די פארב איז גוט, זי טרעפט און טרעפט
גיט א שפיי, א לאך און אַ קוועל
דאָס איז פאַר שווינדלערס א געשעפט.

וואוהין זאָל איך גיין

וואוהין זאָל איך גיין, זאָגזשע מיר גאָט אַליין
צו דיר בין איך קליין, וואוהין זאָל איך גיין?
דו האָסט מיך אויף דער וועלט געבראכט
און דו האָסט פון מיר די טיר פערמאכט.

פארוואָס איך קען דיך ניט פאַרשטיין
וואוהין זאָל איך גיין?
איך פרעג ביי דיר אין גרעסטען שלאָף
און דיין ענטפער איז מיין שטראָף.

ווען דיין האנט איז שטארק און ריין
וואוהין זאָל איך גיין?
דיינע שטעדזשקעס זיינען פארשאָטען
מיט בלוט און גאַל אויסגעקנאָטען.

אויפן וועג איז אַ שטיין
וואוהין זאָל איך גיין?
אַלע דיינע טייכען, ימים
זיינען אויסגעמישט מיט סמים

ווייל דיין אַרבעט איז געהיים
וואוהין זאָל איך גיין?
קוק איך צו דיינע שטערען
גיס איך זיך מיט טייכען טרערען

און איך ברעך פון געוויין
וואוהין זאָל איך גיין?
קוק איך אין דיין הימעל הויך
שטויסט גאָר מיך דער פלאם פון רויך

דאָרט אין שייטער איז מיין היים
און וואוהין זאָל איך גיין?

דער אייגענער משכּון

איך האָב ווי אַ בער איבער שטריק זיך געקוליעט
און אַלץ וואָס מער צו דער בערינטע געטוליעט
פיל צווייגען און זאַנגען אין וועג אָבגעבראָכען
נאָך דערנער און שטאַנגען, אין וואַלד טיף פאַר־
קראָכען.

די זון האָט פאַרלאָזען דעם וואַלד מיט געוויין
בין איך מיט דער בערינטע פאַרבליבען אַליין
געדינט האָט די ליבע אויף דאָס ניי
געוואָרען דורך אַ סיבה, נאָך בערעלאך דריי.

אַ מענטש מיט אַ בער, וואָס איז פאַר אַ פּאָר
ווי רעדער פאַרשיטען אַ יאָר נאָך אַ יאָר
דערוויַיל איז מיין פּנים מיט האָר בעוואַקסען
אויף אייביג פאַרבליבען אַ בערעשער משכּון.

דער שווארצער קאָטער

איך האָב ווי א קאַץ איבערן טיש זיך געקלעטערט
אַ בוך פון ראָמאַנען האָב איך געבלעטערט
א ראָמאַן צו פירען האָט זיך מיר געגלוסט
אַליין זיך די אייגענע לאַפּע געקושט.

געדיינקט נאָר פון געסט, האָב איך זיך געוואשען
געווען איז גענוג, פון טעפּ וואָס צו נאשען.
דעם שענסטען ראָמאַן האָב איך געוואָלט פירען
כדי איך זאָל האָבען מיט וועמען שפּאַצירען.

דערקענט האָב איך זיך מיט איינעם א קאָטער
א שווארצער, א שלעכטער, אזוי ווי א טאַטער.
מיין נאָמען איז מאַלי און ער פלעגט שרייען חיה
ווייל איך בין ביי אים געווען, ניט די ערשטע,
נאָר א נייע.

אויף יעדער שריט און טריט, איז ער מיר נאָכגע־
לאָפען
קוים מיטן לעבען בין איך פון אים אנטלאָפען.

אז מען האָט ניט קיין שכל, דאַרף מען ניט קיין יאָרען

איך האָב ווי א הונט צו די פיס זיך געלאַסטשעט
א גאַנצענעם טאָג די שעפּסען געפּאַסטשעט
געטריבען דורך קאַנאַלען אלע אין איינעם
געהיט זאָל ניט פעלען איינע פון קיינעם.

אויפן שטעל האָב איך די וועלף צוטריבען
נאָך מיין באַפעל, איז די וואָלפיכע אליין געבלי־
בען.
זי האָט מיך בעטראַכט, און איז געווען זייער
פריילאַך
און געקרוינט זיך ביי די וועלף פאַר א מלך.

אַז איך בין א וואָלף, האָט זי באַשטימט באַם
עס האָט ניט געאַרט זיי, פון וואַנען איך שטאַם.
צו ליבען מיך אייביג, האָט זי מיר געשוואָרען
אז מען האָט ניט קיין שכל, דאַרף מען ניט קיין
יאָרען.

מיט איינמאָל האָט אויסגעבראָכען א געשלעג
ביי אונדז ביידען
און זי האָט מיך געצוואונגען, אז מיר זאָלען זיך
צושיידען
איך בין א הונט, האָב איך איר דערציילט
נאָר ווי א הונט האָט זי מיר פעראורטיילט.

ניט שפּיי אין וואַסער, וועסט דערפון אַליין טרינקען

איך האָב ווי א מוראַשקע, אויפן קריע געשווימען
א מויל פול מיט וואַסער יעדער מינוט אָנגענו־
מען
אַזוי ווי צושלינגען עס האָב איך פאַרמיידט
און שווימענדיג וואָס מער אין טייכעל געשפּייט.

פון די אַלע קריעס פיש און וואַסער בערען
האָב איך געזוכט א ברעג, וואו זיך צו ערנערען
צום גליק האָט מיר געלונגען
אויף א וויספּע איבערגעשפּרונגען.

דאָך מיין עלענדקייט האָט ניט לאַנג גענומען
ביז איך האָב זיך א פריינד געפונען
דארום האָב איך א שטיבעלע געבויט פאַר ביי־
דען
און געלעבט האָבען מיר ווי גאָט אין גן עדן.

נאָר איין זאַך די גאַנצע צייט
פלעגט מיך אָבער קרענקען
ווייל די וואַסער אין וועלכע איך האָב געשפּייט
דאַרף איך אַליין טרינקען.

ש

דער קצב

דער קצב רב חייקעל
איז פרייטאג פארטאָג אויפגעשטאַנען
ווען אלע אין הויז זיינען נאָך געשלאָפען.
און האָט זיך געלאָזען אין וועג אַריין
צום שלאכטהויז פון דאנען
צו קריגען דאָס ערשטע לונג און לעבער
האָט ער געטאָן האָפען.
אויף דער זעלביגער וועג
ווי דער קצב איז געגאַנגען
אַז געווען א שול, גאָר אַן אַלטע.
געוועןן איז זי בעוואקסען מיט זאנגען
אריינגיין אין איר א שרעק און א מורא
נאָר דער אלטע רב עקיבה
פלעגט זיצען טאָג ווי נאכט, און לערנען תורה.
ניט וויט פון דער שול
אויפן דאָזיגען בריקעל, דערביי. ביי א ברונען
איז געלעגען א באראָן געבונדען.
מסתמא האָט דאָס איבערגעלאָזען דער קצב
דער פרומער
און איז אַריין אין שול דאווגען אויף א פאָר שטונ־
דען
ער האָט דעם באַראָן אויף די פלייצעס גענומען
און ער האָט אים צום שלאכטהויז געטראָגען
דער באראָן האָט געמעקעט, געבעקעט.

ער האָט ניט פערשטאַנען, וואָס דער באַראָן וויל
אים זאָגען
איך דאַנק אייך מיין הער
וואָס איר האָט מיך אויף די פּלייצעס גענומען
איך וועל אייך קיינמאָל ניט פאַרגעסען.
ווייל דורך אייך האָב איך דאָס געוועט געוואונען
אַזוי וואָלט איך בעדארפט ביזן טאָג דאָ ליגען
און איך וואָלט קיינמאָל קיין רו ניט געפונען.
איך דאַנק אייך נאָכאמאָל
וואָס איר האָט מיך איבערגעטראָגען דעם שרעק־
ליכען אָרט
דער קצב האָט פון די אַלע רייד, ניט פערשטאַ־
נען קיין וואָרט
דאָ בין איך ווי ניי געבאָרען.
און איז געשפּרונגען ביי אים פון די פּלייצעס
און האָט געלאכט און געפּאטשט מיט די הענט
און איז פערשוואונדען געוואָרען
דער פערצווייפעלטער קצב
איז אריין אין שלאכטהויז.
ער האָט נאָר וואָס פארלוירען א מציאה א גרויסע
געשיינק
און דערציילט דאָרטען די געשיכטע, מיט א
קלאָרען געדאנק
דער עלטערער שוחט, געוואָרען פאַרשטיינערט.

עס קען ניט זיין ער זאָל חוזק מאַכען
און דער צווייטער האָט געזאָגט, עס איז ניטאָ
וואָס צו לאַכען
ער האָט פאַרגעסען דעם ארבע כנפות אָנצוטאָן
האָט ער געשריען אויף אים על פי בית דין.
ער האָט דעם קצב בעטראַכט, און אזוי איז דאָס
געוועזען
פון דעמאָלט אָן האָט רב חייקעל דעם ארבע
כנפות געהיט
ניט אויסגעטאָן פון זיין לייב
און ער האָט אלע טאָג געשלאָגען חטאתי אין
האַרצען
פאַר אים מיט די קינדער און פאַר זיין ווייב
און דער אַלטער רב עקיבה, האָט דאָרטען מער
ניט געלערענט
די כוליגאַנעס האָבען אים פאַרטריבען
די הייליגע שול איז פאַרשימעלט געוואָרען
און אויף זיין אָרט איז קיין אנדערער געבליבען.

פון דעם טאָג

פון דעם טאָג וואָס איך בין געבאָרען
א בליץ האָט פערדארבט מיין זכרון
געדאגה'ט פאר ווילד פרעמדע זאָרגען
געאיילט זיך פאר דאָרשטיגען מאָרגען.

אויף דערויף באזינגט האָט דער זיגער
דער מאָרגען, דער דאָשטיגער טיגער
און דאן ווען איינער פלעגט פאלען א טויטער
א גבור, א שטארקער, א רויטער.

ווען ער איז פון א מעסער געשטאָרבען
האָב איך געוואָלט זען יענעם קרבן
צו זען ווי דאָס בלוטשטראָם טוט לויפען
וואָס וויל זיך צו איינעם פאַרקויפען.

אויף דערויף באזיגט האָט דער זיגער
די פלעקען פון בלוט ניט אָפּוואַשען
היינט נעמט מען די בלוט פון אזוינעם
און עס ווערט באלד צוטיילט יעדער איינעם.

ש.

טרערן

ווען איך האָב קינד מיינס דיך געטראָגען
און באַלד מיט דיר אין גאָלדען לאנד פארפאָרען
האָב איך געהערט פיל מענטשען זאָגען
אַז א משיח ווערט געבאָרען.

צי משיח, צי ניט משיח
אָבער פאַר מלחמה ווערסטו פאַסטען
קוים ווערסטו זיין א יונג מיט כוח
וועט דיך אָנקעל סעם ניט האַסען.

געהאט האָב איך דיך מיט פיל קריינקען
און אויסגעהאָדעוועט מיט פיל טרערען
אז גאָט זאָל דיר דיין מזל שיינקען
און א זיווג זאָל ער דיר באשערען.

און מקוים איז געוואָרען די הבטחה פון דיין מוטער
ווי דו ביסט אזוי ווייט פאַרפאָרען
און צו זיין א קעמפער גאָר א גוטער.
שאגאָם מארש און מארטש כסדר
אין אַ פאנציר שפיזען קליידער

ביסטו אויסגעקליַיט, געגען שונא גרייט
דורכן בליצקריג מיט די זשמייען
וואו די מילשטראָם ווינטען דרייען
העלדיש כח קריג, דעם שונא באזיג.

וואו די אנטי־עירקרעפט וואפען
פאַר דעם שונא שפּיזען שארפען
ערגעץ אויף א פעלד
בלייבסט מיין קינד א העלד.

א באַרג מיט א באַרג

די ערד קוגעל האָט זיך פאַרלאָרען אין וואנדער
וואָס וואנדערט אין תהום פוסטען הוט
און קען ניט ארוים פון דעם פלאָנטער
א פלאָנטער פון טייפעלשען קייט.

די ערד איז אין פלאָנטער און בלאָנזשעט
יואו טיגערען האָבען מורא פאר בינען
זי טראָגט אויף זיך א בארג צום צווייטען
און קען זיך קיין וועג ניט געפינען.

אַזוי טראָגט זי די בערג פון טויזענטער יאָרען
און טהוט אירע פלייצעס אָנשטריינגען
זי וואָלט אויך זיי וועלען צו פאָרען
און קען זיי צוזאמען ניט בריינגען.

די טויבען יאָרען

ווען איך וואָלט געווען א טויב א גרינגע
קענען אַזוי פליהען
מיט די באָרוויסע פיס די פלינקע
מיט די פליגלען ציהען.

קומט דער ווינטער פון די קעלט
פליט זי אין וואַרימע לענדער
איך דאַרף פאָרען און מיר פעלט
צו מיין קאר א פענדער.

ווען איך וואָלט געקאָנט נאָר זיכער
ווי די טויבען ליבען
וואָלט איך קיין אלטער בחור
קיינמאָל ניט פאַרבליבען.

יעדער מענטשען איז דאָך גוט
און די טויבען יאָרען
עס איז פאַר מיר ניטאָ קיין מוט
וואָס איך בין איינגעפאָרען.

צום גוטען

מיין האַרץ איז מיר פול מיט חלומות
איבער מיין קאָפּ הייגגט א ריזיגער שווערד
טייוואָלים, געשטאָפּטע בהמות
משחיתים געפּאנצערטע פערד.

נאָך פיל ברואים פערשלייערט אין ווייסען
ברענען אויס וועלטען פון האַס
וואָס וואָלטען מיך וועלען צורייסען
און די פערד מיך צוטרעטען אויף אש.

און הינטעשע עקען ווי שלאנגען
און קעטצישע אויגען ווי זאנגען
וואָס פויגעלשע שנאָבלען צו פיקען
ווען געפּאנצערטע פערד זיי צודריקען.

איך טרייב זיי צום וואָגען, און שפּאַן זיי איין אלע
און איך טהו אָן מיין קעצענעם פוטער
איך פיר צו דער חופה די כלה
זאָל זיין אין א שעה אין אַ גוטער.

די פערד טהוען יאָגען דורך בליצקריג זיך טראָ־
גען
אין פלאָוקער און פלאמען פון האַלץ
גאַר איך צו אויפשטיין
ניט פאָרען, נאָר גיין.

טראָגען די פרייהייט מיט שטאָלץ
דאָך הער מיין טאַטען גאַר ריידען אצינד
שלאָף נאָך און חלום מיין עלענדער קינד.
עס איז נאָך ניט צייט, קיין ליכט קיין בעגינען.

דאַרפסט זיך ניט וועקען
פאַר פערד זיך ניט שרעקען.
ביז אין טאָג איז נאָך ווייט דיין גליק צו געפינען
דאָך רעדט ער צו מיר מיט משלים.

פאַרגעסט ניט, דו ביסט א מחותן
דערצייל מיר דעם חלום אין חלום
און איך בין דיר פותר צום גוטען.

א בּוים

איך ווייס אַ בוים וואָס וויאָניעט
פון יעדער שטורם טאַניעט
ווינטען שטורימס קלייבען
פון איר א שפּאַס צו טרייבען.

וואָס זי בויגט זיך מערער
איז איר ערגער, שווערער
און וואָס איר שטאָף איז גרעסער
הערט זי קלאָרער, בעסער.

מיליטער סיקרעטען
לעבען איר פּאָרטרעטען
בלייבט אין איר פאַרבאָרגען
אלע קלאָגען, זאָרגען.

און שטאַרקע שטאָלצע בוימען
פאלשע פריינט און שכנים
הויבען אָן צו טרערען
פון דעם שונא קלערען.

מיט שלעסער אויף די ליפּען
צו דער ערד פאַרקניפּען
כאָטש זי צערט כסדר
און זאָגט ניט אויס פון חדר.

ווען איך האָב

ווען איך האָב א שטיקעל ברויט
פאַר די פויגלען אויסגעשפּרייט
פויגלען, הונגעריגע מייז
כאַפּען צו די ברעקלאך שפּייז.

ווי פון הונגער און פון שרעק
פליהען מיט דעם ווייט אוועק
פליהען זיי צום טייכעל דאָרט
ניט גערירט זיך פון דעם אָרט.

אין דעם וואַסער קוקען זיי
וואו זיי זעהן פויגלען צוויי
ווי פערוואונדערט גאָר א גרויל
פאַלט דער ביסען פון דעם מויל.

לחיים

גאָט אין גרויסען הימעל ווייט
ליגסטו אין דיין וויג
האַלסט מיך דאָ אַ לאנגע צייט
און הערסט זיך איין מיין ליד.

דער קול מיינס הערט זיך איבער בערג
און פאַלט אין טאָל אריין
מישט זיך אוים מיט טוי אין וועג
וואָס ווערט פוןביידע וויין.

טרינקט׳זשע וויין פון ברייטען מאָס
לחיים אַלע אידעלאך
גיסט אריין כוס נאָך כוס
און גיט צו מיינע ברידערלאך.

❦

בראָנפּען אין די הויפען

אין טאָל ביים ברעג פון ריווער
איז די קרעטשמע מיינע
ווען די וואַסער גליווערט
ווערען פעליקעס קלאָרע ריינע.

בראָנפּן אין די פלעשלאך
און אין די נייע קויפען
איז נישטאָ קיין גלעזלאך
טרינקט מען פון די הויפען.

וואַקסט אַרום מיין חדר
מאָן און פּאַמעראַנצען
פאַרווילט זיך מיר כסדר
אויפן אייז גיין טאנצען.

טאַנצט מען און מען דרייט זיך
א קאלטער ווינטעל ווייעט
און די שקאפקע פרייט זיך
דער רויטער האָן וואָס קרייעט.

אָבער ווען דער טייך נאָר רירט זיך
צוטרייבט דעם גאנצען קאָן
איך נעם די שקאפקע מיט זיך
און לאָז דעם רויטען האָן.

מיין עלענדקייט

מיין עלענדקייט מעסט ניט קיין מאָס און וועגט
ניט קיין שאָל
און איז שווערער פון שטיינער, פון אייזען שטאָל
מיין עלענדקייט האָט ניט קיין דאך ניט קיין דעק
און עגבערט מיין מוח פון אנגסט און פון שרעק.

עס האָט גאָר קיין גרונט ניט, און איז טיפער פון
קוואל
וואָס יאָגט דורכן הארצען און רייסט זיך פון גאל
ניט מילכיג, ניט פליישיג, ניט כשר און ניט טריף
און הויקערט מיין אַקסעל און העמערט מיין
שלויף.

עס וואַקסט א קליין בוימעלע איינע אַליין
נאָר איך מיט מיין עלענדקייט קענען איר פאַר־
שטיין
עס שמעלצט זיך אַ ליכטעלע, פאַרבלענדעט
דעם האָל
דער שטן טאַנצט גרעסער און שפייט אויס דריי
מאָל.

עס קלייבען זיך שעטענער, היינגט איבער די זון
נאָר איך מיט מיין עלענדקייט מיר ווייסען דער־
פון
איך געדיינק נאָך מיין חופּה טאָג
האָט די זון געשיינט אזוי מילד.

אַ טרייסט צו מיין אייביגקייט
וועט הערשען דאָס בילד.

אַ קעניג בעסער זאָגען

קרוינען לייכטען שיינענדיג
זיך פון בריליאנטען שלייפען
וואָס אָפּשאַצען קען קיינער ניט
פאַר וויפיל געלט צו קויפען.

איך קען אַ מאַן דעם גרעסטען נאַר
וואָס וויל קיין קרוין ניט טראָגען
ער איז אַ פּרעזידענט צוועלף יאָר
אַ קעניג בעסער זאָגען.

און די פּרעזידענטען קלוג
זי האַלט פון קרוינען ווינציג
מען זאָגט זי קליידעט זיך ניט גענוג
אָבער געטריי איר לאַנד און גינציג.

זי טראָגט אַ הוט און אויך גאַנץ פליין
עס פאַסט פאַר איר נאָך שענער
און דער טייפעל טראָגט די קרוין
מיט בריליאַנטען אין די רעהנער.

די וועלט איז א וויג

די וועלט איז פאַר אונדז אלעמען א וויג
וואָס וויגט יעדער איינעם צום שלאָפען
דער לעבען איז ניט מער ווי א ליד
די שיינע ווערטער, איז אונדזער האָפען.

וואויל איז יענעם, ווער עס קען גוט דעם ניגון
און פאַרשטייט פון זיין ליד יעדער וואָרט
בלויז זיינע וואונדער זעט ער אין שפיגעל
און פאַרבינדט אויפן ריכטיגען אָרט.

א לאנגער געפלאָנטער, פון דער ערד ביזן הימעל
ווי שיפען שטריק, געדרייטע קאנאטען
פון זון שטראל א קלייד בעהאנגען אין רימעל
אויף די פאַרפלאָנטערטע קייטען.

עס וויגעלט און וויגעלט, יעדער מין, יעדער שורש
און שטעלט זיך גאָר, קיינמאָל ניט אָפּ
עס ציהען זיך לידער, פון דורות צו דורות
שמייסט ווי א בייטש דעם ארויף, דעם אראָפּ.

עס קומען אָן יאָרען און ווערען פאַרניכטעט
גלייך מיט די מענטשהייט געטויטעט
די ליד אין דער נשמה אויף ניי, פאַרגעריכטעט
דער גוף מיט דער צייט ווערט באַגלייטעט.

די פארגעסענע טאָכטער

שיין ווי א מלאך, אַזוי ווי אסתר המלכּה
האָט אַן ארטיסט געמאָלען איר פּאָרטרעט
גלייך ווי מען מאָלט א קוקלע, א ליאַלקע
די מיידעל איז געזעסען און האָט ניט גערעדט.

זייער עלענד און פערשמאַכט פון הונגער
איז די אָרימע שיינהייט געווען
פון אָרט ניט גערירט זיך, און געביסען די פינגער
פון אויפרעגונג און פערדראָכט
די ליכט קוים געזעהן.

ער האָט איר גערדייט און געשאַרט
געזידעלט און געשריען אַן א שיעור
ביטער האָט דאָס מיידעל געאַרט
בארעכענט וואָס וועט ווערען פון איר
נאָך מערער האָט די האר   אין איר געקלאָגט
געטראַכט וואָס צו ריידען און געזאָגט.

איך פאַרדין ניט קיין באַליידיגונג
און איר זאָלט מיך בעטען
איך דאַרף ניט קיין בילדער
צו וואָס טויג מיר פּאָרטרעטען
איך בין געקומען אַהער נאָך א נדבה
אָדער ברויט בעטען.

געלאכט האָט דער אַרטיסט מיט שפּאָט
מער וויל איך ניט הערען פון דיר קיין איין וואָרט
א ברויט בעטלערקע, דו שיינע בת מלכה
עס איז נישט אמת, דו ביסט א רוסאלקע.

דער מיידעלס ערע האָט מער פון איר לעבען
באטראָפען
האָט זי געכאפּט די הוט און איז אנטלאָפען.

דער אַרטיסט איינקוקענדיג זיך גוט אין דער בילד
ערשטוינט, פארצווייפעלט און ווילד
האָט אויסגעשריגען גאָט דער גערעכטער
אז דאָס איז געווען זיין פאַרגעסענע טאָכטער.

דער רויטער בּין

אין דער שטאָט פון מענטשען רויטע
האָט אַ הערשער ערשטע קלאַס
זיך אויסגזוכט וואָס נויטיג
און האָט געוואָלט אַ פרוי א ווייסע.

ער האָט די גרעסטע שיף גענומען
א ווייטע וועג געקלעטערט
און האָט א שיינע פרוי געפונען
זי זייער פיל פאַרגעטערט.

ער האָט באפוילען זיינע קאמעראַדען
פאַר א שיפענס באַל פארגרייטען
פון דאָרט פיל געסט איינגעלאַדען
איבערהויפּט די שיינע געטין.

ווען די געסט זיינען זיך צוגאנגען
האָט ער קיין סך גאָר ניט געוואַרט
און האָט די שיינהייט באלד געפאנגען
אין זיין צימער איינגעשפּאַרט.

ווען די שיף איז באלד פאַרשווימען
גרינע כוואליעס זיך באַוואָרפען
האָט זי איר שיקזאַל אָנגענומען
און אַלעס וואָס עס האָט געטראָפען.

דאָס געוויין אין איר האַרץ איז פאַרבאָרגען
איר אומרוה פון ווייטאָג און צער.
עס קען זיין אויב זי וועט נאָר זאָרגען
וועט פאַרגרעסערן איר צווייפעל געפאַר.

געפֿילט האָט די מיידל מסתמא
אויפֿן הויכען וואַסער דאָרט
אַז אַ רויטער איז אַראַמיי
וואָס וועט קיינמאָל ניט האַלטען וואָרט.

די רייד איז געווען גאָר פּוסטע
עס איז נישט דאָס וואָס ער וויל
די האָפֿענונג פֿון פֿרייהייט אומזיסט
געשיינקט אים איר ליבע גאַנץ שטיל.

ער האָט איר געבראַכט אין זיין פּאַלאַץ
געטיילט זיך מיט הערצער מיט צוויי
מיט ליבע און טרייהייט, מיט גאָלד אָן א שאַץ
גליקליך געווען זיינען זיי.

די הויפּטשטאָטיגע מענטשען דערווייל
האָבען געהאַלטען זי גאָר פֿאַר איין גאָט
וואָס דער אמת׳ער טייפּעלשער תליון
האָט געמאַכט פֿון איר חוזק און שפּאָט.

ער פֿלעגט פֿאַר זיך אַליין שווערען
אַז די געטליכע קעניגען די פֿיינע
עס וועט פֿיל ניט געווערען
ביז זי וועט זיין זיינע.

מיט אַ יאָר שפּעטער
האָט זי אים אַ קינד געבאָרען
דאָס קינד איז ניט געווען קיין רויטע
האָט זיך אָנגעצונדען זיין האַרץ מיט צאָרן.

דאָס ענדערונג אַז דאָס קינד איז ניט זיינע
וויל ער ניט אַז עס זאָל לעבען
האָט ער צום תליון האַק
זייביידען אָפּגעגעבען.

מיין פריינט

אָט זע איך דעם מענטשען
פון צוויי טויזענט יאָר
געלעבט האָב איך דעמאָלט
און היינט אין דעם דור.

אָט זעה איך דאָס וואַסער
פאַרלירט זיך אין סטוואָל
זי וואנדערט און וואַנדערט
קומט ווידער צום טאָל.

אָט זעה איך פיל נסים
וואָס קומען צוריק
איינער פאַר אומגליק
א צווייטער מיט גליק.

אָט זעה איך די גאַסען
אין דער אידישער שטאָט
אָט טהוט מען זיי האַסען
אָט רעדט מען מיט גאָט.

אָט זעה איך דעם הורדוס
וואָס ער טהוט באַראַרפען
גערויבט אַלע גיטער
פאַרקויפט אונדז פאַר שקלאַפען.

צוויי טויזענט יאָר
איז אַוועק ביז אין היינט
געפין איך מיין האַרפ
מיין לאַנד און מיין פריינט.

געטריינק

איך קען גאָרניט אַרויסגעבען
וואָס עס ליגט אויף מיין געדאנק
אין דער פלעשעל זוך איך לעבען
טראָפּענס פון געטראנק.

עס ברענט דאָס האַרץ פון אויפרעגונג
פון יעדער זאך איך עס
מרי שחורה ווייטאָגען
פאַרטרינק איך און פאַרגעס.

ווערט די גלעזעל ליידיג באַלד
בעפאַלט אויף מיר אַ שרעק
שפּאנט דער שטן דורכן וואַלד
און ווינקט צו מיר אַוועק.

בעסער שווייגען

ווי ריידען נאַרישקייטען
וואָלט איך בעסער געשוויגען
זאָגען דעם אמת
איז דער בעסטער ליגען.

וועט איר זאָגען אַז איר זיינט רייך
פרעג איך, ווי קומט עס צו אייך
אויב איר זיינט אָרים געווים
איז אודאי די רייד גאָר אומזיסט.

צי זאָל איך מיין סוד, אייך פאָרלעגען
אָדער פאַר זיך האַלטען אלעם אַליין
קיין איינציגען וואָרט ניט פאַרבויגען
און איר וועט מיך ניט קענען פאַרשטיין.

מיין שאַרף מאַשין

קומט צו מיר מיידעלאך
פיילט אייך די נעגעלאך
קוקט אָן מיין גאָרטען אין סאָד
פאַרב אין די בעקעלאך
באָרווים אָן זעקעלאך
צום ווייניגסטען איינס צי א גראָד.

פון אַלע זייט געסעלאך
ברייגגט שאַרפען מעסערלאך
מיין ארבייט איז שאַרף און אויך גלאַט
קוים זיינט איר הונגעריג
רייסט אוים איין אויגעריג
די זומער גרינס וואָלט אייך ניט געשאַדט.

אפילו מיין שאַרף מאַשין
לעבט אויך וואָס רויט און גרין
שוין קלינגט מיט די גלעקער פאַר אייך אביוואַט.

קלייבט אויף די יאַגידעס
מאַלינעס, אַגרעס
דאָס וואונדער פרוכט ערשט פון דער בייט
אתרוגים די בעסטע
לולבים גרעסטע
צום טרייסלען עס, מעגט איר זיין גרייט.

די געהיימע קראפט

ווער שטערט דיר דיין הערשאַפט
מיין גאָט פון די אידען
און שוואכט אַפ דיין האנט
וועלכע טייטעלט פאַר פרידען.

דיין הערשאַפט באַכשופ׳ט
דער הימעל מיט שטיין
די לופט איז פאַרגיפטעט
דיין יע און דיין ניין.

די ערדזומפ אַליץ שווערער
פון ימים מיט בלוט
נאָך רויטער און מערער
פון מינוט צו מינוט.

דיין גוטסקייט איז פולווער
דיין מיטלייד איז ראָסט
ווען עס לייכט דאָ און וואַרימט
איז ביי דיר דאָרט א פראָסט.

דו קוויגסט זיך מיט קעלטען
מיט שניי מער ווי שפייז
ווען דו קענסט נאָך די וועלטען
פאַרפאָלגען ביז אייז.

דער טאָג איז מיט שאָטענס
די נאַכט איז פאַרבלענדט
די זונשיין פאַרוואָלקענט
פון טרערן פאַרקלעמט.

די זון שיקט די בליקען
צו באשיצען די ערד
און וואַשט אָפּ די פלעקען
די בלוט פון דעם שווערד.

זי קלאָגט אויפן חורבן
ווי לאנג איז דער שיעור
פאַר לעבען ניט שטאַרבען
נאָר געווענט איז אָן דיר.

מען יאָגט אונדז צום שלאכט האק
אויף שריט און אויף טריט
מען שעכט דיינע קינדער
און דיך ארט עס ניט.

עס וועט איבער טרייבען
די געהיימע קראפט
וואָס וועט אייך צורייבען
די וועלט אין איר פּראכט.

יעדערס חסרון

זיי מיר מוחל גאָטעניו
וואָס איך האָב פאלש געשוואָרען
פון קינדהייט אָן
איז עס געווען מיין איינציגער חסרון.

צופיל פאַרלאנג
נאָר איינס בין איך זיכער
קוק דורך מיין באלאנס
און מעק אויס פון די ביכער.

נעם מיין פאַרברעכונג
און טהו עס דערוועקען
און מיינע מעלות
עס וועט איבערדעקען.

געפין אויס די וואַרהייט, נאָר מיט אמאָל
מיין טעות וואָלסטו ניט געוואָלט
לייג מיינע מעלות פון איין זייט אין שאָל
און אויף דער אנדער זייט גאָלד.

די טיר איז אָפֿען

איך בין די לעצטע נאכט אַ קאנאריקעל געוואָ־
רען
און איינגעשפּארט געווען אין א שטייג
נאָך א פויגעל פון פיל יאָרען
איז ניט ווייט פון מיר געזעסען א פאפוגיי.

געהאט האָט זי א ווייסע קעפּעל
מיט א האַלדז א ברייטע
און א פּנים ווי איין עפּעל
מיט צוויי אויגען רויטע.

געקומען אין דער פרי איז מיין ווירטין בעקי
געווען איז זי שיכור. אָנגעטרונקען מיט ביר
געבראכט האָט זי עסען אונז ביידען צו קרעקערס
און האָט זיך פאַרגעסען צו פערמאכען די טיר.

דער טאָג איז געווען אין מאי דער שענסטער
אין הדויסען האָט געשמעקט פרילינג דופט
האָט זי אויפגעעפענט ברייט די פענסטער
אריין צו לאָזען פרישע לופט.

מיין טייערע ליבע פריינד, איך בין גליקליך
לויף איך צו מיין שכנה און שריי
איך גיב איר אָפּ פון די קרעקערס די שטיקלאך
און זינג מיר א ליד, איך בין פריי.

די טירען און פענסטער זיינען אָפֿען
איר קענט אויך גיין, אויב איר ווילט זיך באַמיען
אָך ווי גוט און ווי וואויל איז צו האָפֿען
אין וועלדער און אין פעלדער ארום צו פליהען.

און עס ענטפערט מיר די אַלטע פויגעל
זי וויל ניט גיין, זי וועט בעסער בלייבען דאָ
זיצט אויף איר קלעצעל צונויפגעדרייט ווי איין בייגעל
און זאָגט אויף איר לשון אָט טיבע וואָ.

אויב דו וועסט ווערען באליבט ביי דער וועלט זייער
ביסטו ערשט נאָך יונג און אונערפארען
זאָלסט קומען צוריק אביסעל פריהער
איידער מען וועט פון דיר די טיר פארשפארען.

און איך עפען מיין מויל און שריי אויף איר גלייך
דו ביסט אלט און דערפאַר ווילסט ניט גיין
איך בין יונג, מיט וויסענשאַפט בין איך רייך
און דערצו געזונט און שיין.

דו אלט מאָדעס מארשאם מכשפה
פעך און שוועבעל שווימט פון דיינע אויגען
דו ביסט אַ שלאנג א פאלשע, א טרפה
און שעלטענדיג בין איך דורך דער פענסטער פאַרפלויגען.

און געפלויגען בין איך הויך, זייער הויך
ביז איך בין צו די אָדלערס געקומען
מיינע אויגען, מיט פיל טרערען פון רויך
דאָך זייר שיין האָבען זיי מיך צוגענומען.

און געזאָגט האָבען זיי צו מיר, קענסט זייער הויך
פליהען
אָבער דו וועסט ניט קענען אין די הימלען שלאָ־
פען און רוהען
דאַן גיי צו דיין פאַמיליע קאַנאַריקלאַך
זיי וועלען דיר אַן עצה געבען
ווי אַזוי דו זאָלסט מאכען דיין לעבען.

און די קאַנאַריקלאַך האָבן צו מיר געזאָגט
דו וועסט ניט קענען אזוי ווי מיר שיין זינגען
און דו וועסט ניט קענען אויף צווייגעלאך שפּרינ־
גען
טאָ גיי צו דער וועווערקע.

די וועווערקע האָט געזאָגט
דו וועסט ניט קענען גנב'ענען
קיין ניס און קיין פייגען און קיין באַרען
דעם גאנצען וואַלד פויגלען אָפּנאַרען
זאָלסטו גיין צו די בושליעם.

די בושליעס האָבען געזאָגט
דו וועסט ניט קענען
די שלאַנגען צו כאַפּען
מיט די שנאָבלען צו קלאַפּען
דאַן גיי צום סאָוואַ.

די סאָוואַ האָט געזאָגט
דו וועסט ניט קענען אלעס באקוקען
מיט דיינע אויגען און מיט אזא פּנים
און אויסבעהאַלטען זיך פון אלע דיינע שונאים.
דאַך גיי צו דער פלעדער מויז.

די פלעדער מויז האָט געזאָגט
אויב איך וועל דיר לאָזען מיין שוועל איבער־
טרעטען
וועסטו קומען צו מיר, ווייל איך בין בלינד
און דו וועסט מיין נעסט צוטרעטען
מיין כאליאסטרע מיין גאנצע געזונט
דאַן גיי צו דער טויב.

די טויב האָט געזאָגט
דו וועסט ניט קענען קיין בריוועלאך טראָגען
זיך נאָך קערענדלאך יאָגען
גיי צו דער לאַסטרקע.

די לאַסטערקע האָט געזאָגט
דו וועסט ניט קענען
צום בית המקדש קיין פייער ברייננען
מיט שוועבעל אין מויל ארומהענגען
גיי צו די הינט.

די הינט האָבען געזאָגט
דו וועסט ניט פאַרשטיין אונדזער לשון
און דו קענסט ניט ברייננען קיין ביינער אָן א גראָשען
גיי צו די מייז.

א מויז בין איך מיט די ביינער
אויסגעוואקסען איז מיר צוויי שפיציגע ציינער
ארום פליהענדיג אזוי לאנג האָט מיר דער ווינט
די פעדערלאך אראָפּ געבלאָזען
און איך האָב זיך אָנגעטאָן אין די פעל פון האָזען.

איך בין א מויז האָב איך אָנגעהויבען זאָגען
פון וואַנען האָט זיך גענומען א קאץ
און האָט מיך אָנגעהויבען נאָכיאָגען.
זי האָט מיך געיאָגט א גאנצענע נאַכט
אויסגעמאטערט בין איך געווען
הונגעריק און פאַרשמאכט
א האַלבען עק האָט זי מיר אָבגעביסען
איך וויים ניט ווי אַזוי.

איך האָב זיך פון איר אויסגעריסן
און אויסגעלאַכטע און א פאַרשעמטע
בין איך צוריק דורך דער פענסטער אריינגעלאָ־
פען
איך האָב געדאנקט גאָט
וואָס מיין שכנ׳טע איז נאָך געשלאָפן.

איך בין צוריק אין מיין שטייג אריין
און איך האָב געזעהן אז אַלעס איז שטיל און פיין
פון מיין שכנה האָב איך מער ניט געלאכט
און פון זיך אַליין די טיר פערמאכט.